3 0112 072902510

פערלאג „די וועלט"

פרץ הירשביין

ווייטע און נאהענטע

בילדער אין 4 אַקטען.

פרייז 12 קאָפּ.

דרוק פון י. פּיראָזשניקאָוו.

Далекіе и близкіе

Картины въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

соч. П. Гиршбейна.

Вильна, Типографія И. І. Пирожникова, Завальная улица № 114

1906.

LIBRARY UNIV. OF ILL. URBANA

פערלאג „די וועלט"

פרץ הירשביין

ווייטע און נאהענטע

בילדער אין 4 אַקטען

יידיש א. א. בן־גור.

פרייז 12 קאָפּ.

דרוק פון י. פּיראָזשניקאָוו.

Далекіе и близкіе

Картины въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

соч. П. Гиршбейна.

Вильна, Типографія И. I. Пирожникова, Завальная улица № 1147.

1906.

Дозволено цензурою. 28 февраля 1906 г. Вильна

פּערזאָנען:

שׁוֹאֵל — אַ הענדלער פון אַלטע-קלייזער, אַלט 45 יאָהר

קֵיילֶה — זיין ווייב.

קַדִּישׁ — אַ זוהן } אַצוויליִנג — 15 יאָהריגע.

רַשִּׁיל — אַ טאָכטער }

צְבִיָּה — אַ שכנה זייערע וואָהנט אין שטוב — 19 יאָהר

פִּינְחָס — אַ מולער 22 יאָהר.

דָאקטָאר

קומט פאָר אין אגרויסע שטאדט איז ליטא.

P 23784

אין שואלם דירה.

אקליינע שטוב אין אקעלער, דריי פענסטער פיערקאנטיגע אין דער לינקע וואנד קוקען ארוים צום הויף צו, נעבען די פענסטער — א טיש רעכטס:—פון אריינגאנג א פשעפערעניע און אין איהר אטהיר דארט איז צביהם דירה, צווישען פשעפערעניע און די טהיר שטעהן צוויי בעטען.

די פאדלאגע איז צובראכען, ערטער וויז געהן די ברעטער פא-נאנדער. אין דערלענג פון שטוב איז אויסגעהאנגען שטריק און אויף זיי טריקעט זיך וועש, און גלאט שמאטעס. ניט ווייט פון טהיר אויף א בענקעלע שטעהט א מולטער צום וואשען.

חנוכה צייט.

ערשטער אקט.

(אָבענד · קיילה שטעהט אַיינגעבויגען איבער אַ מולטער און וואַשט. נעבען איהר ליעגט א פאַק מיט גרעט · צביה זיצט אויף אַ בענקעלע · נעבען טהיר פון דער פשעפערעניע, וואָס פיהרט אין איהר צימער און טולעט אַ קינד אַיינגעוויקעלט אין שמאַטעס ·)

קיילה (ניט אָבקערענדיג די קאָפּ פון מולטער צו צביהן)... און איך האָב גערעכענט אַז אין קינדער האָבען, וועל איך זיין, ווי מיין מאַמע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם; אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, און צום סוף...

צביה. און אייער מאַמע האָט דאָס אַזוי פיעל קינדער געהאַט?

קיילה. וואָס רעדסטו עפּעס! אַ גיהנום, אַנ'אמתר גיהנום, איז דאָך געווען אייביג ביי אונז אין שטוב.

צביה. ווי פיעל ברידער און שוועסטער זאָלען געזונד זיין, האָט איהר דאָס אַזוי געהאַט?

קיילה. לאַנג לעבען זאָלען זיי, וואו זיי זיינען:— איינמאָל דריי שוועסטער — זאָלען געזונד זיין, און דריי ברידער. און אַ פיערטער וואָס איז געשטאָרבען, ער איז געווען דער זיבענטער ביי אונז, צו לאַנגע לעבעדיגע יאָהר זיי, — דער זיבענטער, און דער בעסטער,

צביה. (נאָך אַ קורצען שווייגען) אין הרחבה אַז גאָט העלפט איז יעדער קינד אַבעזונדער נחת, קלאָר איך...

קיילה. אפשר... נאָר די גוואַלדען מיט די קולות, וואָס

אין שטוב פלעגט זיך אָבטאָן, עס פלעגט ניט זיין אויסצודערהאַל-
טען, אַ קלייניגקייט. און דער נאָך, אַז מען איז שוין ב"ה אונ-
טערגעוואַקסען, פלעגט ווערען געוואַלדען, פערשטעהט זיך, איבער
אַ גרעסערע זאַך (ווישט אָב די האַנד אָן שמאַטעס וואָס ליעגט
דערבײַ אויף דר'ערר); ניט ווייט פון דאַנען איז דאָ אַ קעלער,
אויף דער צווייטער גאַס, דאָרטען האָבען מיר זיך אַלע, אויס-
געהאָדעוועט.

צביה. איך האָב געזעהן הײַזער, וואָס דאָרטען זײַנען פאַ-
ראַן אַ'סך קינדער. און פונדעסטוועגען לעבען אַלע בשלום; אָט
אַנ'אופן דאָרטען אופן אָרט וואו איך האָב געדינט פאר דער
חתונה...

קיילה. (ברעכט אב א שטיקעל ברויט פון לאבען, וואס
ליגט אויפן טיש טונקט איין אין זאלץ און קייט) מ. מ. הו...
אַ פערגלייך אַ ביסינקע?... קינד איינע, מיר זיינען אַ פנים
געווען שלעכטע קינדער, וואָס? קיין שלעכטע קינדער איז גאָר אויף
דער וועלט ניטאָ, און עס איז קיין וואונדער ניט. וויפיעל מאָל האָט
זיך געטראָפען, אַז אין שטוב איז קיין ברויט ניט געווען; אַ קאַפ אַנדערש
איז, זאָל דיר דוכטען, דאָרטען וואו גאָט העלפט; וואָס קריגט
מען זיך, און איבער וואָס זאָל מען זיך קריגען, פרעגט, אַז אין
שטוב איז אַליץ דאָ אָהן עין הרע בשפע? ער דער טאַטע ע"ה
איז געוועזען אַ חלוש — אַ גאָרנישט; וואו ווען פלעגט זיך מאַכען
אַ פאָר נייע אַרבייט; הײַנט געה, קאָרמע אָן פון אַזאַ שוסטערײַ
אַזאַ שטוב מיט מײַלער אָהן עין הרע, אַשטרוי נישט קיין מענש איז
דאָס געווען. קוים וואָס די נשמה האָט געהאַלטען אין איהם.

צביה. און די מאַמע אייערע האָט ניט געהאַט קיין שום
פרנסה?

קיילה. און אויף אַ מינוט האָט מען געקאָנט די שטוב
לאָזען אַליין? וואָס? נגיר זי פון דעסטוועגען, אַ ליכטיגען גן עדן

זאָל זי האָבען. קען זיין וואָלט אפשר יע וועלען האָבען אנ'אוי-
גענעם גראָשען אין קעשענע, די תורה די גרויסע, וואָס מען בע-
דאַרף דערצו האָבען, איך זאָג דיר: מען נעמט דעם קאָשיק, און
מען געהט אַרויס אין גאַס. ער דער טאַטע ע"ה האָט איהר ניט
גטלאָזען, ער האָט געוואָלט זי זאָל זיין אין שטוב.

צביה. ער האָט איהר מן הסתם ליעב געהאַט?

קיילה. געקריגט האָבען זיי זיך ניט.

צביה. דאָס איז א ברכה פון גאָט.

קיילה. פלעגען זיך יע איבערריידען אַ מאָל, נאָר אי-
בער וואָס מיינסטו למשל: איבער אַ זיידענע קלייד אַודאי אָדער
איבער אַ קייט אַ גאָלדערנע, איבער אַ בונט פערעל, וואָס?...
(אווילע שטיל).

צביה. איהר האָט געזעהן די קליידער מיינע, וואָס איך
האָב זיך געמאַכט צו דער חתונה...

קיילה. צוליעב אַזיינע זאַכען איז ביי זיי קיין מאָל קיין
קריעג ניט אַרויסגעקומען; דוכט זיך אַזיינע זאַכען איז גאָר אין
קאָפּ ניט געלעגען; וואָרום וואָס, און ווען האָט מען סך הכל אָנ-
געזעהן אין לעבען, אָבער דעם קעלער ב"ה און ווידער דעם קע-
לער... אין קעלער ב"ה, געבאָרען געוואָרען, דאָרטען אויסגע-
וואַקסען דאָרטען חתונה געהאַט.. (דרעהט אוים א שטיקעל
גרעט) (פויזע) און אין קעלער וועט מען מן הסתם שוין די איבריגע
ביסעל יאָהרען אויסברייננגען. (פויזע) געקריגט זיך, סתם געקריגט
צווישען זיך ווי קינדער על פי רוב קריגען זיך... (פויזע. שטארק
רייבענריג אַ שטיקעל וועש אין האנד איינגעבויגענערהייד —
פערקלערט).

צביה. איך קלער פיעל מאָל אַליין מיט זיך, צו וואָס
האָב איך זיך דאָס אין גאַנצען אָנגענעהט, אט דאָס אַלץ אין
איינעם אַפילו, וואָרום פרעגט אַ סך דערפון, צו האָב איך האָן

אײנמאָל אָנגעמאָסטען אַפּילו אָט וואָס, אַדרבאָ איך בין אײך אַ בעלן צו ווײַזען אויף צוקאַווּעסץ...

קיילה. ניט נאָר אַ קלײד, אַ העמד אַנ׳איבעריגע האָב איך אַפּילו ניט געהאַט איבערצובײַטען, און איך געדענק ווי איך פלעג מוזען אויסטהאָן דאָס העמד, וואָס אויפ׳ן לײַב, אויס וואַשען איהר און וואַרטען (אין יאַקעל) ביז זי וועט זיך אויסטרי־קענען און איהר ווייטער אָנטאָהן.

צביה. (געהט ארויס פון הינטער דער פשעפערעניע מיט א בונט נייע קליידער אויפן האנד.)

קיילה. (גיט א בליק) נו אַדרבא, איך פראָג דיר אַלײן, אויף וואָס דאַרפסטו דאָס אַלץ איצט?

צביה. אֶמת טאַקע צו וואָס? נאָר פון דעסטוועגען... מײַן גאַנצער עלטער, וואָס? ווי אַלט בין איך דאָס אַזוי אין גאַנצען. 19 יאָהר בסך הכל. ס׳איז דאָך פאַראַן מיידלאַך 25 יאָהריגע, 30 יאָהריגע איז דאָך נאָך אויך דאָ... (געהט צו נעהענטער צו קיילהן) גיט נאָר אַ טאַפּ, זײַדענס אֶמת׳ע זײַדענס.

קיילה. (טאַפּט דאָס קלײד) מײנסט אַ גרויסער מבין בין איך, וואָס? קענטיג אַ גוטע סחורה.

צביה. וואָס זאָגט איהר אַ גוטע?! דאָס איז דאָך זײַ־דענס, רײנע זײַדענס! דרײַ יאָהר איז בײַ מיר אָבגעלעגען אָט די סחורה אין קאַמאָד; דאָס האָט מיר דער פעטער זאָל לעבען געב־ראַכט פון וואַרשוי, אַ מתנה, כ׳האָב מורא גיהאַט פאַר מאיל, האָב איך דאָס אײנגעשאָטען אין טאַבאַק, אויך איצטער, (גיט אַ שמעק מיט התפעלות), איצטער אויך בנאמנות (גיט נאָך אַ מאָל אַ שמעק) טאַבאַק ווי איך בין אַ אידישע טאָכטער, טאַבאַק, (טראָגט אונטער צו קיילהן) גיט נאָר אַ שמעק.

קיילה. (גיט א שמעק) פּפוי! דו טראָגסט דאָס ניט, דערפאַר וויעטרעוועט זיך ניט אויס דער ריח.

צביה. (מיט א גע לעכטער) די נייטערקעס פלעגען זאָגען,

זיי קענגען נִיט נאָהען די ציִג ; זיי פלעגען ניסען די גאַנצע צייט , חאַ—חאַ—חאַ—! . . .

קיילה. מיר האָט מען אויפגענאָהט צו דער חתונה סך הכּל איין קלייד : די אַנדערע האָט מען געליהען : דו קאָנסט אַ פּנים אָנ'טאָהן איצט די קלייד.

צביה. אַז איך בין נאָך געווען אין פּערטען חדש האָב איך שוין נִיט געקענט אָנ'טאָהן די קליידער, וואָס איך האָב זיך גענעהט צו דער חתונה.

קיילה. איצט וועלען זיי אויך זיין ענג.

צביה. איצטער... איצטער קלאָר איך וועלען זיי ווייטער זיין גוט—אַדרבּא איך וויל זעהן. (דערלאנגט קיילהן דאס קינד) האַלט נאָר אַ ווײַלע צו מײַנע ברילִיאַנטען און איך וועל פּרובען אָנמעסטען.

צביה. קיילה, לאַנג לעבען זאָלט איהר, גיט נאָר אַ קוק. (אומעטיג) צוואוואָס מאַכט מען זיך אין דער אמת'ן קליידער ? איך וועל פּרובען אָפּלאָזען דעם פאַרטוך, (זי לאזט אב דעם פארטוך, נאר זי קען זיך אלץ ניט פערשפּילען.) איהר זעהט ? אפילו איצט קען מען אויך ניט.

קיילה. מען קאָן אַפילו נִיט פאַרריכטען אויך ... די קלייד וועט מען נאָך יעה אפשר...

צביה. איך וועל פּרובען אָנמעסטען דעם יאַקעל, (זי לאזט אב דאס קלייד, דאס קלייד לאזט זיך הערונטער דערביי אויף דער ערד זי הויבט איהר ווייטער אויף, שפּארט זיך צו צום טיש, אום עס אנצוהאלטען) איך פיהל אַז דער יאַקעל וועט אויך זיין שמאָל. (זי ציהט אן דעם יאקעל, אבער עס דעקט אפילו ניט צו די ברוסט. מיט שרעק) זעהט נאָר! . . .

קיילה. וואָס ביסטו אַזאַ טויטע געוואָרען ? וואָס האָסטו געקלאָרט ?

צביה. אָבער קוקט זיך נאָר איין ! (זי ציהט די קליאפּען

פֿון דער טאליע) דער גאַנצער בוזים בלייַבט אָפֿען. אויפגע־נעהט אַזוי, אַז עס לאָזט זיך דאָס גאָר ניט פערריכטען.

קיילה. גבירישע ווייַבער, נאָך אַ קינפּעט נעהען זיך אויף קלייַדער גאָר פון דאָס ניי, (פויזא) לייַט הייַלען זיך גלאַט ניט מיט קינדער האָבען...

צביה. (פערצווייפעלט) איך האָב געמיינט, אַז מייַן פייַבעלע וועט אי"ה אנטוואָהנט ווערן, וועל איך זיך חאַץ קאָננען אָבדריכען אַביסעל, וואו האָב איך געקלערט, אַז איך וועל אַזוי גיך האָבען, (טהוט פאמעלאך אוים די קליידער) פון דעסטוועגען... (מיט טרעהרן) ווער האָט זיך דאָס גאָר געריכענט אַז מייַן בלוט-יוגענד וועט אַזוי גיך אַוועק.

קיילה. פאַר דער חתונה, נאָך דער חתונה... און וואָס האָב איך אין מייַן לעבען אָנגעזעהן, אַפילו פאַר דער חתונה איז מען אויך געווען איבעריגע אויף דער וועלט.

צביה. (טראגט אוועק איהרע קליידער) איך האָב זיך ניט געריכענט אַז אַזוי גיך וועלען מייַנע יונגע יאָהרען אַוועק. מייַן גדליה... ער אַפילו זאָל לעבען, איז נאָך איינער אַזייַנער אויף דער וועלט ניטאָ... (געהט ארוים פון צימער) כ'קען זיי ניט אויפהייַנגען אויף אַנ'אָרט.

קיילה. חתונה... קינדער האָבען... האַ, האַ, אַשפּיל־בעלע וואָס?...

צביה. אַזוי פיעל בלוט... אַזוי פיעל געלד!.. (צום קינד) פייַבעלע! טיוטקעלע מייַנער, (צו קייהלן) איך קלאָר אַלע מאָל, ליגענדיג אין בעט, און האַלטענדיג פייַבעלען בייַם ברוסט,—פאַר וואָס האָבען מיר אַזוי האַלט קינדער?...

קיילה. האַ... האַ...

צביה. אַז איך בין געווען אַ מיידעל, פלעג איך האַלט האָבען אַ סך צו שלאָפען — אַ שפּאַס ווי פיעל איך פלעג דאָס דאַכאָלכט אָבשלאָפיי!... ווי אַ שטיין די גאנצע נאַכט זיך

אַיועק געלייגט, האָץ נעהם און טראָג מיר אַרוים און איצט, אַודאַי צעהן מאָל אַ נאַכט האַפּ איך זיך אויף. און יעדער מאָל: האַ, וואָס איז מיטן קינד? וואו ליעגט ער? ניט אַ וואונדער? האַ?

קיילה. „קינדער“—אָהאָ קינדער!... דאָס איז דאָך האַרץ אַ שטיק, אַ שטיק נשמה! און אַז גאָט העלפט נאָך מיט גוטע קינדער; גוטע קינדער—אַשפּאַס—דאָס איז דאָך אַצירונג פאַר טאַטען און מאַמען. אַצירונג פאַר יערען בעזונדער וועמען גאָט העלפט.

צביה. (קוקט אויף פייבעלען) פּײַבעלע, טאַטקעלע מײַנ׳ס זאָג נאָר, זאָג נאָר פּײַגעלע מײַנער, אַ וואָס וועסטו זײַן? האַ? זאָג נאָר.. זאָג!...

קיילה. ווער קאָן דאָס וויסען:—אַנ׳אָרענטליכער מאַן וועט ער מן הסתם געווים זײַן—אַודאַי!

צביה. (צום קינד) אַנ׳אָרענטליכער מאַן!... אַנ׳אָרענטליכער מאַן, פּײַבעלע?! אַפּראָסט קינד איז דאָס, וואָס?... אַנ׳אוצר איז דאָך דאָס, ניט קײַן קינד, אַ שטיק גאָלד!...

קיילה. איך טראַכט פיעל מאָל, וואָס וואָלט מײַן גאַנצער לעבען געווען, ווען ניט די שטיקלאַך קינדער, זאָלען לעבען; אַז איך וואָלט דאָס חלילה קײַן קינדער ניט געהאַט — אָדער כ׳האָב מורא פון מײַן מויל אַרוים צו ברײַנגען, אַז די קינדער מײַנע, חלילה וואָלטען געשטאָרבען, עס טרעפט, ניט פאַר אונז געדאַכט, בײַ אונזערע טאַטעס און מאַמעס! ס׳איז דאָך דאָ צרות אויף דער וועלט, מען קען ניט זאָגען.

צביה. (ציטערט) אָה, זאָל גאָט אויסהיטען (קושט דאָס קינד) איך וואָלט אֶפשר פון זינען אַראָב.

קיילה. פון זינען געהט מען ניט אַראָב, זאָל דיר דוכטען, נאָר...

צביה. (נאָך אַ שווייגען) וואָס האָט זיך אײַער צײַטעל

אויסגעקליבען אזא פאסקודנע ארבייט? דער טאבאק פרעסט דאך איהר אויף איהר הארץ...

קיילה. וואס האט זי זיך אויסגעקליבען אזא ארבייט?... דו ווייסט פאר וואס? אזוי ווייס איך: זי האט אנגעהויבען צו טהאן, און אזוי טהוט זי.

צביה. זי ווייזט אויס זעהר שלעכט. (קיילה זיפצט זיך אב שטיל) מען זאגט אז אצווילינג זיינען אלע מאל פאחאזשע איינער אויף'ן צווייטען, א מאדנע זאך! אז צוויי אינגלאך זיינען גלייך, איז נאך קיין הידוש ניט, אבער א מיידעל מיט א אינגעל... קדיש און רשיל דהיינו—פונקט ווי צוויי טראפענס וואסער!

קיילה. (שטיל) אין א פינסטערע שעה געבארען געווארען..

צביה. פקחים פון קינדער!

קיילה. פקחים... און צייטעל! דאס שטיקעלע מזל פעהלט איהר מעהר ניט. דער לעבען דער גוטער זייערע, ווער עס ווייס; קינדער אך און וועה. די גאנצע בגרות זייערע: 14-15 יאהריגע — איז רשיל שוין פון פינף יאהר, אז זי פינסטערט שוין אין פאבריקע, דער טאבאק, פרעסט איהר אויף, און קדיש, שוין דריי יאהר — . . . א דאנק גאט... אז איך וואלט געוועזען ביי אנ'אנדער שטאנד — האט דאך קדיש, זאל לעבען א זעלטענע קאפ! און רשיל? מען האט איהר אפנים געלערנט שרייבען; אימיצער אנ'אות האץ בעוויזען וואס? און איהם? קיינער ב"ה ניט, און פונדעסטוועגען?

צביה, דאס איז א ברכה פון גאט..

צביה. קדיש קען דאך רוסיש אויך, איך האב געזעהען.

קיילה. און רשיל? און צייטעל?

[עס קומט אריין פנחס, אמענש פון מיטעלעם וואוקס, א מולער]. [די זעלבע און פנחס].

קיילה. פנחס?

צביה. (מיט א געלעכטער) דער חתן געהט, דער חתן געהט!

קיילה. (גיט אקוק אויף פנחס'ן) ס'איז א סימן אויף גוטס!

איך האָב געוואוכט, אַז דו וועסט הײַנט קומען, דו האָכט אֶפשר געזעהען די קינדער, וואָס?

פּינחס. די קינדער? ניין, ניט געזעהען, איך האָב קיין צײַט געהאַט, כ׳האָב געהערט אַז די פאַבריקע איז פערמאַכט, בין איך בכיון געקומען טאַקי.

קילה. (אַדערשראָקענע) וואָס רעדסטו, די מאַבאַטשנע פאַבריקע, וועה איז מיר, ווען, פאַר וואָס?

צביה. פאַר וואָס האָבען די קינדער דאָס גאָר ניט געוואוסט פון דעם?

פּינחס. איך ווייס אויך ניט אויף געוויס, כ׳האָב געהערט, אין גאַס דערצעהלט מען אַזוי.

צביה. מסתמא איז קיין אַרבייט ניטאָ.

פּינחס. (זיצט ביים טיש) וואָס אַרט דאָס דעם בע״ה״ב? גאָר נישט, אַגרויסע דאגה האָט ער מיט וואָס די ווייב און קינדער צו קאָרמענען.

צביה. אֶפשר מעהר ווי צוויי הונדערט מענשען לעבען דאָך פון דער פאַבריקע.

קילה. וועה איז מיר! אויב עס איז אמת, איז איין גאָט ווייס וואָס וועט זיין. פונפצעהן רובל אַ חודש — דאָס איז דאָך קיין קלייניגקייט.

צביה. אֶפשר איז מעהר ניט פערמאַכט געוואָרען אויף אַקורצע צייט?

קילה. באַלד וועלען זיי קומען, וועלען מיר זיך אַלץ דערוויסען. (נאָך אַ קורצען שוויגען) צוויי הונדערט פאַרשוין !גרינג אויסצורײדען: צוויי הונדערט מענשען וועלען בלייבען אָהן ברויט, אַזאַ ווינטער... (אין שטוב קומען אריין צײַטעל, רשיל און קדיש צײַטעל טראָגט אַ פּאַקעט איינגעוויקעלט אין א פּאַפּיער) אָט זײַנען די קינדער! (קוקט אויף זיי שאַרף אָן).

ציּיטל. און רשיל. גוט נ׳אָבענד!

קדיש. גוט יו״ט מאָג מען זאָגען.

ציַ ימעל. אַודאַי, גוט יו״ט איצט וועלען מיר זיַין יו״טריגע?

קיַילה. מען האָט טאַקי פעַרשלאָסען די פאַבריקע?

קדיש. פון וואַנען ווייסטו דו?

צביה. פינחס האָט דערצעהלט, מען האָט טאַקי פערמאַכט?

רשיל. מען האָט בעצאָהלט פאַר די גאַנצע וואָך.

קיילה. וועה איז מיר! דער טאַטע איז אַגאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען אין גאַס און האָט אַ גראָשען ניט פערדיענט (גיט אַ קוק אויפ׳ן פעקיל) וואָס איז דאָס פאַר אַ פעקיל?

פינחס. מען האָט ניט געזאָגט אויף ווי לאַנג מען האָט פערמאַכט די פאַבריקע?

רשיל. די מאַמע וועט זיַין אין כעס, וואָס מיר האָבען אויסגעבראַט געלד.

ציַיטיל. וועסט ניט זיין אין כעס, מאַמע? מיר האָבען געקויפט אַ פאַטשיַילע.

קיילה. אַ פאַטשיַילע צו וואָס?

רשיל. איך האָב געוואוסט אַ פריהער, אַז זי וועט דאָס זאָגען.

ציַיטעל. צו וואָס — מיר דאַרפען אַלע האָבען אַ פאַט־שיַילע, אַ טוך, אין די נאַקעטע שמאַטע קען מען דאָך שוין ניט געהן.

קיילה. איך האָב זיך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען אַז מען פלעגט זאָגען, אַז מען וועט די פאַבריקע פערמאַכען, אַזאַ אונגליק.

ציַיטעל. (בינדט פאַנאַנדער דעם פעקיל) מען קען זיך דאָך לעבענדיגערהייד ניט בעגראָבען; אַדרבא, זעה נאָר ס׳אַר אַ מציאה מיר האָבען געקויפט...

פינחס. (שטעהט אויף) אַ סיערע, אַ שוואַרצע? (אַלע רינגלען אַרום ציַיטלען).

ציַיטעל. (מאַטערט זיך אויפבינדען דעם פעקעל) נו, פעַר־בונדען האָבען זיי!

קדיש. (נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ פען-מעסערל און שנייט איבער די שטריקעל, אַלע קוקען און שווייגען. צייטעל נעהמט אַרויס אַ וואָלענע טוך, אַ גרויסע).

צביה. אַ גרויע?

קדיש. אַ גרויע.

קילה. אַ שעהנע טוך, — ניטאָ וואָס צו ריידען... טהייער? ווען איז מיר, אָהן אַרבייט...

צייטעל. (נעהמט פאַנאַנדער דאָס טוך) זעהט נאָר: אַגרויס!

צביה. זי איז גרעסער אפילו פון מיין פאַטשיילע.

קילה. ווי פיעל האָט איהר פאָרט בעצאָהלט.

רשיל. איהר זאָלט ניט זאָגען, צייטעל, זאָלען זיי שאַטצען.

פינחס. (קוקט דאָס טוך פון אַלע זייטען) שאַטצען — זאָגסטו?

קדיש. איך וויל טרעפען.

רשיל. שווייג, דו ווייסט דאָך.

קילה. (מיט אַ שוואַכער שטים) אודאי צוויי רובל האַ? מען האָט אַייך בעצאָהלט פאַר די גאַנצע וואָך, האַ?

צייטעל. (קוקט אויף קיילה'ן) וואָס ביזטו אַזוי אומעטיג, מאַמע?

פינחס. ס'איז גאָר נישט.

קילה. וואָס רעדסטו מיין טאָכטער? מיין האַרץ שטאַרבט אין מיר אָב יעדע מינוט... אַזאַ ווינטער אַנ'אונגליק אַזוינער.

צביה. ניש-קשה אַ גאָט איז דאָ... איך שאַטץ אין צוויי רובל (טאַפּט דאָס טוך).

צייטעל. (טהוט איהר אָן אויף די פלייצעס) אָבער גיט נאָר אַ קוק, ווי גרויס זי איז.

פינחס. איהר האָט בעצאָהלט, בעצאָהלט...—צוויי רובל מיט פונפציג קאָפּ.

צ י י ט ע ל. (צו רשיל׳ען) כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז זיי וועלען ניט טרעפען.

ר ש י ל. (צו קיילהן) מעסט נאָר אָן, מאַמע, (טהוט אָן דאס טוך קיילה׳ן אויף די אַקסלען) זעה נאָד סאַר אַשענקייט, דאַגה ניט, מאַמע,

ק י י ל ה. מיר איז אַלץ איינס די טוך, יענע טוך, וויפיעל האָט איר פאַרט בעצאָהלט.

צ י י ט ע ל. פּינחס, האָט געט־אָפּגען.

פ י נ ח ס. צוויי רובל מיט פּיפציג קאָפּיקעס ?

ר ש י ל. מיט זעכציג.

פּ י נ ח ס. אין צעהן קאָפּיקעס סך הכל ניט געמראָפּען.

ק י י ל ה. (נעהמט הערונטער פון זיך דאס טוך, קוקט אויף איהר מיט גרויס אגמת נפש) קינדער איהר וועט מיר פאָלגען.

צ י י ט ע ל. וואָס איז?

ק י י ל ה. טראָגט אָב צוריק די פאַטשיילע.

ר ש י ל. וואָס רעדסטו, מאַמע ?

צ י י ט ע ל. מיינסט אין אֶמת׳ן מען זאָל אָבטראָגען?

צ ב י ה. נו, קיילה, צו וואָס דאַרפט איהר דאָס ? דער אויבערסטער וועט העלפען... די וועלט געהט שוין אונטער, וואָס ?

פּ י נ ח ס. מען וועט סיי וויסיי ניט צונעמען צוריק.

ק ד י ש. די מאַמע דאַגהת שטענדיג; שטענדיג דאַגהת זי...

ק י י ל ה. מען דאַרף אָנוועען עפּעס וואָס (א קליינע שטילקייט) קדישל, קום וויז מיר די קראָם, וואו מען האָט דאָס געקויפט, וועל איך איהר אַליין אַוועקגעבען.

ק ד י ש. וואָס אַרט דיר ? ! (אַ קורצע דריקענדע שטילקייט הערשט איינינע מינוטען).

צ י י ט ע ל. (טרערען שטיקען איהר) מיר האָבען געקויפט די

פּאַטשײַלע פון דײַנטוועגען, יעדער פון אונז האָט זיך צונויפגעזלעגט, שוין דאָך לאַנג צײַט געוועזן צו קויפען אַנייע פּאַטשײַלע! און איצטער... ווילסטו...

קילה. (מיט א שוואכע שטים) פון מײַנעט וועגען?... פאַר מיר? צו וואָס דאַרף איך?

ציטעל. וואָס הייסט צו וואָס איך, ביזט קיין מענש ניט, וואָס?

קילה. איך?... אָך קינדערלאַך, איך וויל מעהר ניט ווי זעהן נחת אויף אייך, מעהר גאָרניט, אָהן דעם מאַכט מיר אויך ניט אויס; ווי איך געה אָנגעטאָהן, און וואָס איך געה אָנגעטאָהן מיר איז אַלץ איינס...

רשיל. וואָס הייסט אַלץ איינס! אויב מיר האָבען איין מאָהל געקויפט, קענען מיר דאָך ניט אוועקגעבען צוריק, דער טאַטע וועט אויך גאָר ניט זאָגען.

קילה. דער טאַטע וועט אויך גאָר נישט זאָגען;—וואָס אַרט מיר, וואָס ער וועט גאָרנישט זאָגען—איך ווייס דאָך אַליין, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט. אַזאַ ווינטער אָהן אַרבײַט, און דער טאַטע... וואָס איז מיט'ן טאַטען גופא?... דער טאַטע געהט אויך ב"ה אום לעדיג.

קדיש. און וואָס איז דאָ דער גאַנצער רעש? (טהוט אן ווידער דאָס טוך אויף די מאמעס פּלייצעס) זעה נאָר ווי עס קלייד דיר די פּאַטשײַלע!

קילה. איהר ווילט מיר מאַכען פאַר אַ יונגע מן הסתם, האַ? כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ביי מיר איז רעכט אָן דעם אויך; נאָר דער עיקר... (די ווערטער האָקען איהר זיך אב).

צביה. מען קאָן דאָך מיט אַמאָל ניט אויפהערען זײַן פּאָחאָזשע אויף אַמענשען.

קילה. זײַן פּאַחאָזשע אויף אַמענשען... אמת מען קען ניט, נאָר שטעל דיר זיך פאָר: די פאַבריקע איז צוגעמאַכט, גאָט

דער לעבעדיגער ווייס, ווען עס וועט נאך ערשט זיין ארבייט פון דאס ניי—די גאנצע געלד זייערע, וואס זיי האבען בעקומען איז הלואי צעהן רובעלעס, און מען האט מיט אמאל אויסגעגעבען דערפון גאנצע דריי זילבערנע רובעל'ס, אויף אזאך, וואס מען דארף גאר ניט.

רשיל. מיר האבען בעקומען מעהר, ווי צעהן רובל.

ציטעל. די ערשטע זאך, מאמע, הערשטו שיין, אז מיר האבען בעקומען מעהר ווי צעהן רובל; צווייטענס קאסט די טוך ניט גאנצע דריי רובל, נאר אסך וועהניגער, און דריטענס זאג ניט: „אזאך וואס מען דארף ניט".

קילה. קינדערלאך, איהר פערגעסט זיך מן-הסתם עס געהט אווינטער—אזא לענג; וואס איז גאר אייערע געלד, וואס איהר האט בעקומען; אויף אחדש, אויף איין חדש. אסור צער אויב דאס וועט קלעקען, אויף הייליגע נאמנות אז ניט, גלייבט מיר אז ניט... דערצו פערדינט דער טאטע אויך אקאפיקע ניט, מיר וועלען דאך פון הונגער פארגעהן, חס וחלילה... (אדריקענ־דע שטילקייט, אלע בלייבען שטיין ארום טיש).

ציטעל. נשקשה: מיר וועלען פון הונגער ניט שטארבען.

קדיש. איך וועל ארויסנעמען פון באנק מיינע געלד, וואס דארף איך מיינע געלד—אויף נדן, וואס?

רשיל. און איך קאן אויך ארוים נעמען מיינע געלד.

קילה. איהרע „געלד" איהר קענט איהרע געלד? (מיט אביטערן שמייכעל). קיילעט מיר מיינע געגז!...

צביה. וואס איז דארטען אזוי? — אז זיי וועלען אי"ה פערדינען, וועלען זיי פון דאס ניי אוועקלעגען אין באנק.

קילה. (ביטער) „מיינע געלד"—אכט רובעלעס, ווי די בערען, אביסינקע האט זי... כלעבען צביה, דו רעדסט, ווי אקינד

צביה. וואָס הײַסט?

קיילה. אַך קינד אײנע... (אקליינע ווײלע שטיל * ווי צו זיך) רבש"ע, דו ווײסט דאך אַודאַי גוט...! זײַנע פערדינסטען די גרויסע... אויף שונאים ניט צו ווינשען, געהט ב"ה אום גאַנצענע טעג, שרײַט מיט די לעצטע כחות זײַנע. לאָזט די גאַל און וואָס?!... (אין צײַטעלס זײַט מיט טרערען) דיר ב"ה געהט שײַן 21-טער יאָהר אין... (האקט זיך אָפּ, אקוקגעבענדיג אין פינחס זייט) דיר וואָלט זיך אויך געוואָלט זײַן לײַטען גלײַך...

ציטעל. פאַר מיר האָסטו ניט וואָס צו זאָרגען.

קיילה. (ווייזט אן אויף רשילה'ן) זי ב"ה איז קײַן קלײַן קינד: אַודאַי וואָלט זיך וועלען, זי זאָל אויך ניט אָבשטעהן פון לײַטישע קינדער, פאַר וואָס ניט? און דער גאַנצער גליק, אַז זי טהוט שוין אין פאַבריקע... אָט האָט זיך אײַך פלוטצלונג פערוועלט גאָר אויסברײַנגען דרײַ זילבערנע רובלס...

ציטעל. (אויפגערעגט) מיר האָבען נעקלעהרט אַז ס'וועט דיר הנאָה טאָהן, אַדרבאָ... עטליכע טעג האָבען מיר בכיון בעהאַלטען פון דיר, אַז מיר ווילען עפּעס קויפען, און צום סוף... (שטאַרק) וואָס דאגה'סטו אַזוי, מאַמע? וואָס אַדרבאָ זאָג...

קיילה. (גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד אין דער לופט) עט... (אַ שטילע).

ציטעל. (זיצט ביים אויבען, דעם קאָפּ אַרונטער געלאָזען) איין מאָהל אין צעהן יאָהר...

[שואל קומט אריין אין שטוב, א מענש פון א יאהר 45 פון הויכען וואוקס, די באָרד שווארץ, דאָס פנים מאָגער, געקליידעט אין א לאנגען מאנטעל מיט א וואלענער שאלקע אויפ'ן האלז. הוסט אלע ווײלע, טראָגט אויפ'ן האנד פערשיעדענע אלטע קליידער.]

שואל. גוט אָבענד! (קוקט זיך אַרום) וואָס זיצט איהר עפּעס ווי אָנגעבלאָזענע אַלע?

קיילה. די קינדער זײַנען געבליבען אָהן אַרבײַט.

שואל. לייגט אַוועק אויפ׳ן שטוהל די קליידער — פאַנגט אָן אַרונטער צוציהען (פון זיך דעם מאַנטעל) די פאַבריקע האָט זיך צוגעמאַכט!.. מען האָט דאָך דאָס געוואוסט אַ פריהער, מען האָט שוין לאַנג גערעדט דער פון אין גאַס, אַז מען וועט איהר צו מאַכען. אַלע אַרבײַטער האָט מען אָבגעזאָגט?

פינחס. פערשטעהט זיך אָבגעזאָגט.

שואל. (בלייבט אַ ווײַלע שטעהן אין מיטן חדר, אַלע קוּקען אויף איהם) בכן... (ער קלעהרט אַ ווילע) איז וואָס, עסט איהר זיך אָב אַזוי די האַרץ?

ציִיטעל. (אויפגערעגט) מיר האָבען איהר געקויפט אַ פאַטשײַלע, ס׳איז נאָך ניט צײַט אַודאַי, וואָס? און זי הײַסט איהר אָבטראָגען צוריק אין קראָם.

שואל. (קוקט דורך די פאַטשײַלע) מען וועט איהר ניט צו נעהמען קאַריק... ווי פיעל האָט איהר בעצאָהלט? ווער האָט אויסגעקליבען?

קיילה. (צו שואלין) הײַנט, זאָג דו: האָט מען געדאַרפט אויסברײַנגען דרײַ רובל אין אַזאַ צײַט?

שואל. דרײַ רובל קאָסט זי?

רשיל. צווײַ מיט זעכציג.

ציִיטעל. זי האָט מורא...

שואל. (פאַנגט אָן נאָך אַ קורצען שווייגען) וואַרט אַווײַלע (גיט א וואָרף מיט די אויגען אַרום) איך האָב שוין לאַנג געקלעהרט אײַך דאָס צו זאָגען... מען דאַרף פּרובען, אַז עס האָט זיך שוין יע אַזוי געמאַכט. (מיט אַ זיכערען טאָן) אַודאַי ס׳איז ניטאָ גאָר וואָס צו קלעהרען אַסך...

ציִיטעל. (פרעהליך פלוצלונג) וואָס רעדסטו דאָרטען, טאַטע?

שואל. (קלעהרט, אַלע וואַרטען, וואָס וועט ער זאָגען) געלד איז דאָ... מען האָט אײַך בעצאָהלט אין גאַנצען די שכירות?

רשיל. דרייצעהן רובל.

שואל. געלד וועט ניט אויספעהלען... און אויב עס וועט פעהלען!.. וואס הייסט עס וועט פעהלען... נו בלייבט עס וועלען מיר קויפען טאבאק, קינד, און מיר וועלען אליין אויסמאכען פאפיראסען; פאנ׳אנדערטראגען וועל איך. און בכן וועט דער גאנצער ריוח בלייבען מיט אזא׳ן אופן — בלייבען אין קעשענע.

קילה. איך האב מורא...

שואל. ניטא וואס מורא צו האבען.

צביה. ס׳איז א סכנה זאך פון דעסטוועגען.

קילה. אודאי, א סכנה, איך האב מורא!

שואל. (גיט א מאך מיט׳ן האנד) קיין שום סכנה. ניטא וואס מורא צו האבען... ווער וועט קומען א הער? קיינער קומט ניט.

ציטעל. און וואו וועסטו פערקויפען די פאפיראסען?

שואל. כ׳וועל פערקויפען: קנאפ בעקאנטע הייזער האב איך? כ׳וועל טראגען איבער די הייזער.

קילה. כ׳האב מורא...

שואל. דו ביזט א נאר.

קילה. עס שמעקט דאך מיט טורמע אזא זאך...

פינחס. ניט אזא מורא!

קדיש. ווער וועט וויסען דערפון.

שואל. אודאי... ווער וועט וויסען? קיין שום סכנה און אז מען וועט אונז חאפען, וועלען מיר זאגען, אז ס׳איז זאקאזנע (פאר גבירה׳שע הייזער) זאקאזנע מעג מען דאך?

ציטעל. (פרעהליך) ביזט גערעכט, טאטע! איינ׳איינפאל, א גאלדענער, פאר וואס דאבען מיר דאס ביז א הער ניט געטהאן, אט וואס?

קילה. און קיין שום סכנות איז דא ניטא, זאגסטו?

שואל. (מיט א זיכערקייט) קיין שום סכנה (אין זייט

פון די קינדער) איהר וועט פערדינען מעהר ווי פיעל איהר האָט פערדיענט אין פאַבריקע.

ציטעל. אַודאַי... (אַ שטילקייט).

רשיל. נו איצטער מעג מען דאָך שוין אַודאַי קויפען אַ פּאַטשיילע, האַ?

שואֵל. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) בלי נדר, אַזוי האָב איך געזאָגט, און אַזוי וועט זיין, אם ירצה השם.

קיילה. וואָס זאָל איך רײדען... מײַן האַרץ, זעצט אין מיר ווי מיט האַמערס, איך האָב מורא פון מײַן מויל אַ־רויס צוברײנגען, מיר וועלען זיך נאָך חס ושלום אומגליקליך מאַכען.

שואֵל. דו ביזט אַ נאַר.

ציטעל. (שטעהט אויף און נעהמט דאָס טוך) זעה נאָר, טאַטע, די פּאַטשיילע, גיב אַ קוק; מיר האָבען געהאַנדעלט אַ מציאָה...

רשיל. מעסט אָן אויף די מאַמען...

קיילה. איך דאַרף ניט...

ציטעל. (שטאַרק פּרעהליך) מען דאַרף, מען דאַרף. (וויקעלט איין קיילה'ן מיט געוואַלד אין די פּאַטשיילע).

צביה. (און נאָך איהר קדיש) טראָגט געזונד!.. טראָג געזונד!..

[דער פאָרהאַנג פאַלט.]

צווייטער אקט.

די דיקרצה ווי אין 1-טען אַקט, האַלבען-טאָג-צייט, צייטעל זיטצט און מאַכט פאַפּיראָסען, נעבען איהר זיטצט פינחס, אויף איינע פון די בעטען ליעגט שואל, ער איז קראַנק, הוסט יעדער מאָל.

צייטעל. (צו פינחס'ן נאָך אַ קורצען שווייגען)... ווי רעדסטו דאָס אַזוינס, אין אַ צייט, ווען דו געהסט אום לעדיג? דאָס איז איינמאָל גערעדט; און צווייטענס, איז דער טאַטע דאָך אַזוי קראַנק.

פינחס. די פאַפּיראָסען קאָנסטו דאָך דאַמאָלסט אויך מאַ־כען; און איך וועל דאָך אויך באַזונדער פאַרדינען, (אַ קליינע שטילקייט).

צייטעל. צו נעהם איך פאַר זיך די געלד צו, וואָס איך פערדין.

פינחס. און דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ חכמה אַ גרויסע, וואָס?

צייטעל. און וואָס וואָלסטו זאָגען, איך זאָל זיי לאָזען פון הונגער אויסגעהן. דער טאַטע זאָל אַזוי אויסגעהן ווי איטליכע האַ?

פינחס. וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד, פאַרשטעה איך ניט?

צייטעל. דער טאַטע איז מיר טהייער... און אַ חוץ דעם...

פינחס. און וואָס זאָג איך?

צייטעל. אויב אַזוי... (שואל הוסט). איז נו אַדרבה זאָג אַליין: קען איך איצט קלאָרען אַפילו וועגען חתונה האָבען? (שואל הוסט). וואָס איז דיר טאַטע? (שטעהט אויף און געהט צו צום קראַנקענס בעט. קוקט זיך איין, צוקט מיט די אַקסלען, קעהרט זיך אום, און געהט אויף די שפּיטץ פינגער, אויף איהר פריהערדיגען אָרט). כ'האָב געמיינט, אַז ער שלאָפט ניט.

פּ י נ ח ס. ער איז אויף.

צ י י ט ע ל. ניין, ער שלאָפט, פון שלאָף הוסט ער דאָס. (פויזע).

פּ י נ ח ס. פריהער פלעגסטו מיר אַלץ זאָגען אַז ניין, ווייל איך האָב נאָך דעם פריזיוו ניט געפּטר'ט, און איצט...

צ י י ט ע ל. [קוקט שאַרף אויף איהם] ס'אַר אַ אונטערשיעד עס איז דאָס צווישען אַ פרעמדען און צווישען אַנ'אויגען קינד...

פּ י נ ח ס. (אַביסעל פע־לעגען) אַנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס?

צ י י ט ע ל. איך זאָג דאָס אַנטקעגען דיר טאַקע, אַז דו וואָלסט געוועזען אַ זון, און דיין טאַטע וואָלט חס ושלום געלעגען קראַנק, וואָלט דיר אין קאָפּ ניט געלעגען אַזוינע זאַכען. קלעהרען אַפּלו וועגען חתונה האָבען אין אַזאַ אופן טאָר מען אויך ניט... און אַחוץ דעם...

פּ י נ ח ס. אַדרבא, איך האַלט זיך גאָר ניט פאַר אַ פרעמ־דען, אָבער... איך וועל בעסער ניט ריידען... (אַ קליינע ווייַלע שטיל אַרום. ער גלעט איהר די האָר). דו זעהסט אַזוי שלעכט אויס. (שטיל).

צ י י ט ע ל. (מיט אַ שמייכעל) אַראָב, פון וואַנען קען דאָס אַרויף?

פּ י נ ח ס. (בויגט צו איהר קאָפּ צו זיך) אַמאָל ביזט דו געוועזען שעהנער... (קושט איהר).

צ י י ט ע ל. (אין כעס) לאָז מיר צו רוה; איצט איז ניט די צייט דער־פון.

פּ י נ ח ס. (פערשעמט) ביזט גערעכט.

צ י י ט ע ל. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז דו ביזט אַ פרעמדער מענש, און דו קענסט דאָס ניט פיהלען, דאָס וואָס מיר איז...

פּ י נ ח ס. (אויפגערעגט) איך... איך פיהל ניט דאָס וואָס דיר איז... איך?!..

צ י ּי ַט ע ל. בכלל...

פ ִ י נ ח ס. וואָס „בכלל", נאַר אַ פרעמדען האַלסטו מיך?

צ י ּי ט ע ל. איך ווייס נאָך אַליין ניט וואָס דו ביזט מיינער.

פ ִ י נ ח ס. ביזט עפּעס אַ מאָדנע הײַנט. און איך הויב דיר ניט אָן צו פערשטעהן.

צ י ּי ט ע ל. איבעריגס איז מיר ניטאָ וואָס צו פערשטעהן.

פ ִ י נ ח ס. האָסט מיר הײַנט דערקענט, וואָס?

צ י ּי ט ע ל. ביזט גערעכט. איך האָב צו דיר קיין תענות ניט.

פ ִ י נ ח ס. איך פערשטעה אַ וואָרט ניט... (ווענדט זיך אָב).

צ י ּי ט ע ל. ביזט מיר איצטער אפשר טײַערער, נאָך מעהר ווי פריהער; נאַר אַלץ איז אַ זאַך וואָס געווען...

פ ִ י נ ח ס. (דערשראָקען) וואָס הייסט: וואָס געווען... וואָס מוטשעסט מיך... וואָס איז דאָס פאַר אַ האַלבע ווערטער?

צ י ּי ט ע ל. איך רייד מיט האַלבע ווערטער, ווײַל איך וויל ניט די שטובינגע אָנמאַכען קיין עגמת נפש. אָט וואָס...

פ ִ י נ ח ס. (אויפשטעהענדיג) מיר?... עגמת נפש... אויב דו האָסט מיט מיר וואָס צו רעדען, טאָ רייד...

צ י ּי ט ע ל. ביז וואַנען איך וועל נאָך קענען וועל איך שווײַגען. די האַרץ רייסט מיר אוים אויף די מאַמען... און אפשר?...

פ ִ י נ ח ס. מעהר וועל איך ניט פרעגען. דו..

ד ע ר ד אָ ק ט אָ ר. (קומט אַריין אין שטוב, אַ מענש פון אַ יאָהר 35, פינחס און צייטעל שטעהען אויף) גוט מאָרגען! דאָ איז דער חולה?

פ ִ י נ ח ס. דאָ.

ד אָ ק ט אָ ר. [ציהט אוים פון זיך דעם מאַנטעל, זוכט אַנ־אָרט, וואו איהם אַוועק צו לייגען].

פ ִ י נ ח ס. איך וועל איהם צו האַלטען. (דער דאָקטאָר גיט איהם איבער דעם מאַנטעל).

צ י ּי ט ע ל. לייג אַוועק דאַ אויפ'ן שטוהל.

דאָקטאָר. ניש־קשה, לײַגט אַוועק וואו עס איז. (ער גערהט צו צום קראַנקענס בעט) ער שלאָפט, ווער איז ער, אַ ייערער אַ פאָטער?

פינחס. (גערהט צו נעהענטער) איהרער אַ פאָטער.

דאָקטאָר. אַצייט אַז ער איז שוין קראַנק?

ציטעל. שוין לאַנג אַז ער פיהלט אַ שטעכענעס אין האַר־צען, נאָר אַנידער געלייגט האָט ער זיך ערשט אַ טאָג פיער.

דאָקטאָר. רעכט! מיט וואָס פערנעהמט ער זיך.

ציטעל. (מיט אַ ביטערען שמייכעל) ער האַנדעלט מיט אַלט־וואַרג.

דאָקטאָר. [קוקט זיך אַרום] און ער הוסט?

ציטעל. וואָס הייסט גערהוסט, ער הערט ניט אויף צו הוסטען. (שואל פאַנגט אָן צו הוסטען) אַזוי אָט שטענדיג ווי זיי הערען. [טרעט צו נעהענטער צום בעט] דו שלאָפסט טאַטע? דער הערר דאָקטאָר איז געקומען, טאַטע!..

שואל. (עפענט אויף די אויגען)

ציטעל. דער הערר דאָקטאָר איז דאָ.

דאָקטאָר. (נעהמט אָן שואל'ן פאַר'ן האַנד און טאַפּט דעם פולס) מען דאַרף איהם אַנידער זעצען (צו שואל'ן) וואָס איז אייך.

שואל. די האַרץ... (ער סטאַרעט זיך אַנידערצוזעטצען).

ציטעל. [העלפט איהם זיך אַנידערזעטצען].

דאָקטאָר. (ציהט אַרויף דאָס העמד ביי שואל'ן עטוואָס העכער. דערזעהט אַ דאַרען און אײַנגעהייקערטען קערפּער) אפשר איז דאָ אַריינער האַנדטוך? [ער קלאַפּט מיט די פינגער איבער שואל'ס ברוסט, איבערן פּלייצע און ניעדריגער].

ציטעל. [לויפט הין און צוריק און זוכט, זי נעהמט אַרונ־טער דעם אייגעשמוצטען האַנדטוך, וואָס הייגגט ביים טהיר, בע־קוקט און הייגגט אויף צוריק] ניטאָ קיין ריינער האַנדטוך, ענטשול־דיגט הערר דאָקטאָר...

דאָקטאָר. (קלעהרט א ווײלע) גיט וואָס עס איז.

צייטעל. (זוכט נאָך אַמאָל, נעהמט אַרוים פון קאַ אַד אַ ריין העמד און טראָגט צו צום דאָקטאָר). איך וועל אָבריַיסען פון דעם.

דאָקטאָר. ניט נויטיג, ניט נויטיג. (ער נעהמט פון צייטעלס האַנד דאָס העמד, לייגט איהר אויף שואלס ברוסט, און העָרט דורך דעם שואלס אָטהעם) עס טהוט אייך וועה?

שואל. יע.

צייטעל און פינחס. (שטעהען ביידע נעבען בעט)

דאָקטאָר. שוין לאַנג אַז איהר פיהלט דעם וועהטאָג?

שואל. מעהר ווי אַ יאָהר, יאָ!

דאָקטאָר. און איהר זייט קיין מאָל געוויעזען ביי אַ דאָקטאָר, די גאַנצע צייט? איהר קענט זיך ווידער לייגען.

שואל. קיין מאָל ניט.

צייטעל. (לייגט אַנידער שואל'ן) ער האָט זיך קיין מאָל ניט בעקלאָגט...

דאָקטאָר. שעהן!.. אַ טינט און פעדער איז דאָ ביי אייך?

צייטעל. [צו פינחס'ן] חאַפּ זיך אַריין צו אַ שכן בעט א טינטען פעדער.

פינחס. [אײַלענדיג] די מינוט.

דאָקטאָר. (צו שואל'ן) און דער קאָפּ טהוט וועה?

שואל. דער קאָפּ... אַלע גליעדער, יעדער גליעד בעזונדער טהוט מיר וועה.

צייטעל. (רוקט צו אַ שטוהל), זעטצען זיי זיך הער דאָקטאָר.

דאָקטאָר. (נעהמט פון איהר האַנד דעם שטוהל און זעצט זיך ענטקעגען קראַנקע).

שואל. ניטאָ קיין כוחות... ווי אימיצער וואָלט זיי צוגענומען...

ד אָ ק ט ר. גענוג, רעדט ניט קיין סך (פינחס קומט צוריק מיט טינט און אַ פעדער אין האַנד, נאָך איהם קומט אריין קיילה).

פ י נ ח ס. (טראָגט אונטער דעם דאָקטאָר די טינט און פע-דער) צו צווייען געמוזט לויפען, איידער איך האָב געקראָגען.

ק י ל ה. (געהט צו צום בעט און שטעהט אָהן ווערטער).

ד אָ ק ט אָ ר. (צו צייטלען) דאָס איז אייער מוטער?

ק י ל ה. יע... וואָס איז הערר דאָקטאָר? וואָס? ס'איז דאָ אַ האָפנונג ער זאָל אין גיכען פון בעט אַראָב?

ד אָ ק ט אָ ר. איך דיינק...

ק י ל ה. ווי געפינט איהר איהם?

ד אָ ק ט אָ ר. די ברוסט איז איהם שוואַך... ער האָט קיין כח...

ק יי ל ה. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) פון וואַנען זאָל ער האָ-בען כח...

ד אָ ק ט אָ ר. (נעהמט אַרויס פון טאַש אַ קליין ביכעל, לייגט אויפ'ן קניע און שרייבט. אין שטוב איז שטיל) ער האָט קיין מאָל געשפּייט מיט בלוט? (קוקט אויפ'ן חולה).

צ יי ט ע ל (גיט זיך אַ טרייסעל).

ק י ל ה, ניין, (שפּייט אויס אָן אַ זייט).

ד אָ ק ט אָ ר. (רייסט אַרויס דאָס פערשריעבענע בלעט'ל פון ביכעל) דאָ האָב איך אייך פערשריעבען אַ רעצעפּט, איהר וועט אַוועק־געבען מאַכען איהם, אין אַפּטייק. איינמאָל אין צוויי שעה צעהן טראָפּען אין אַ טעה לעפעלע וואַסער. (קוקט אַרום) דאָ מאַכט מען ביי אייך פּאַפּיראָסען, וואַ־שיינליך אין שטוב הערט זיך דער טאַבאַק. דאָס איז אַם געפעהרליכסטען פאַר קראַנקע (אין קיילה'ס זייט) און איבערהויפּט פאַר אַזאַ שוואַכע ברוסט ווי ביי אייער מאַן איז...

ק י ל ה. (דורך טרעהרען) דער ביטערער מזל מיינער, דאָס

איז אונזער גאַנצע פרנסה... אונזער שטיקעל חיונה... פריהער פלעגט ער עפּעס פאַרדינען—די קינדער האָבען געטאָהן אין פאַב־ריקע—געקאַפּאַיעט זיך...—אַנ'אַרבעט אַפּינסטערע... אָהן הערצער זיינען זיי געבליבען...

צ י י ט ע ל. איך בין געזונד; איך פיהל מיך גאָרנישט. איך...

ד אָ ק ט אָ ר. אָבער דער טאַבאַק דאָס איז „אַ סם” פאַר'ן קראַנקען רייניגע גיפט, און אויב איהר ווילט נאָר, אַז ער זאָל געזונר ווערען, זאָ מוזט איהר זעהן דעם גיפט צונעהמען, ער האָט געקעט בלויז צוליעב דעם טאַבאַק אַליין זיך אַנידערלעגען.

צ י י ט ע ל. אֶפשר קאָן מען איבערצאַמען מיט אַפּאָר־האַנג.

קי י ל ה. וואָס איבערצאַמען?

צ י י ט ע ל. צווישען טיש און צווישען בעט פאַרהענגען מיט אַפּאָרהאַנג.

ד אָ ק ט אָ ר. (מיט אשמייכעל) דאָס וועט גאָר נישט העלפען (נעמט זיין מאנטעל).

ק י י ל. (זוכ המאין קעשענע, רופט אָב ציטלעןאָן אַ זייט.)

ד אָ ק ט אָ ר. (בעמערקענריג וואָס קומט פאָר) מען דאַרף ניט; ס'איז ניט נעטהיג קיין געלד, (קיילה און צייטעל בלייבען אויילע פערוואונדערט שטעהן אויף איין אָרט, קוקען אויפן דאָקטאָר.)

ק י י ל ה. א... אַדאַנק, מחמת דעם האָבען מיר טאַקע ביז אַהער ניט גערופען קיין דאָקטאָר... משמרת חולים רעצעפּ־טען... (עס האקען איהר זיך אָפּ די רייד.)

ד אָ ק ט אָ ר. אַ דאָקטאָר האָט איהר געראַפט רופען. עסען קענט איהר איהם געבען וואָס ער וועט וועלען אויסער ביטערע זוי־ערע ניט. און דער טאַבאַק אָט וואָס... מאָרגען וועל איך קומען נאָך אַמאָל... אַגוטען טאָג... (געהט אָב).

צ י י ט ע ל. אַטייערער מענש.

פּינחס. אַגוטער מענש.

קילה. (נאָך אקורצען שווייגען) וואָס האָב איך געקענט טהאָן און וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן... איך האָב אין קעשענע סך הכל געהאַט עטליכע קאָפּיקעס, האָב איך איהם געציטערט צו געבען טאָמער ווערט ער אין כעס און וויל גאָר ניט נעהמען... נאָר זעה נאָר, ווי ער האָט אַלץ פערשטאַנען!

פּינחס. איך וועל געהן און אוועקגעבען דעם טינטען פעדער, (נעהמט דאָס טינט און פעדער און געהט אַרויס,)

קילה. (צו שואלן) נו ווי פילסט זיך איצטער?

שואל. (קרעכצעט).

קילה. אַזוי שלעכט איז דיר?...

שואל. (רעדט מיט גרויס מאטערנעס) כ'האָב געזאָגט אַז דער טאַבאַק... דער טאַבאַק פרעסט מיר אויף... מיין קוילער... מיין... (פערהוסט זיך)...

ציטעל. אפשר זאָל מען בעטען ביי צביהן זי זאָל אָב-טרעטען איהר שטוב, און ביז וואַנען דער טאַטע וועט געזונד ווע-רען, וועט זי שלאָפען דאָ ביי אונז.

קילה. מען קען דאָס פון איהר ניט פערלאַנגען, זי איז דאָך מיט אַ קליין קינד. וואו איז זי יעצט?

ציטעל. (בלייבט שטעהן—טיף פערטראַכט).

קילה. (צו צייטלען מיט דאגה) וואָס האָסטו זיך אַזוי פערקלערט? (קוקט דורכדרינגענד אויף איהר).

ציטעל. (האַפּט זיך אויף) אָט אַזוי... גאָרנישט, וואָס זשע וועט זיין?

קילה. גאָט ווייס.

ציטעל. איבערצאַמען דאַרף מען, מען מוז.

פּינחס. (קומט אַריין).

ציטעל. מען דאַרף אַרויסנעהמען די איבריגע געלד פון באַנק, וועט דאָס זיין אויף אַ דאָקטאָר, און אויף רפואות...

פּ ִי נ ח ס. (נעהמט ארוים פון קעשענע אהאָלבען רובל און דערלאנגט קיילהן) נאַט אייך געלד. מען דאַרף באַלד געהן מאַכען דעם רעצעפּט.

ק ִי ִל ה. (זיפצט זיך אב, נעמט ביי איהם דאָס געלד) כ׳וועל דיר אַוועקגעבען אִם יִרצה השם... נשקשה... דער אוי־בערסטער האָט זיך נאָך אין גאַנצען ניִט אָבגעטאָן פון אונז... וואו איז די פאַטשייִלע, מייַן טאָכטער... זיַין חסד איז נאָך געַנוג גרויס... (זוכט מיט די אויגען ארום) די אלטע פאַטשייִלע מייַן קינד גיִב מיִר...

צ י י ט ע ל. (טראָגט איהר צו די פּאטשיילע).

ש ו אֶ ל. (מיט א שוואכע שטים) קייִלה!... קייִלה!...

ק ִי ִל ה. (געהט צו).

ש ו אֶ ל. אֶפשר קאָנסטו מיִר קויפען אַנ׳אַפּלעציִן... אַנ־אַפּלעציִן אָה, אַברעקיִל אַפּלעציִן... כ׳וואָלט זיִך גאָר מחיה געוועָן... וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

צ ִי ִט ע ל. וועסט אין גיִכען געזונד ווערען זאָגט עֶר.

ק ִי ִל ה. (צו צייטלען) מיר דאַכט זיִך אַז ביַי דיִר איז געוועָן קלייִן געלד; גיִב מיִר אויף צוקאַוועסץ.

פ ִי נ ח ס. אֶפשר דאַרף מען אַריִבערגעהן אין משמרת חולים, נעהמען ביַי זיַי אַצעטעל?

צ ִי ִט ע ל. (דערלאנגט קיילהן עטליכע קופּערנא מטבעות) כל זמן מען קען דאַרף מען אַהיִן ניִט געהן.

ק ִי ִל ה. (זיפצט געהט ארוים).

צ ִי ִט ע ל. (דעקט צו מיט אַ בויגען פּאַפּיר דעם טאַבאַק וואָס ליגט אויפן טיש) מען מוז דאָס נאָך האַלטען דעם סם אויפן טיִש... אַנ׳איִיגעָנעם מלאך המות! אַך... ווי ווערט מען פּטור פון איהם. (זעצט זיך ביים טיש, און שפּארט זיך אָב אויפן האַנד).

פּינחס. (זעצט זיך נעבען איהר) וואָס בינסטו אַזוי צוקלעמט ?

ציִיטעל. לאָז מיר צורוה... לאָז... (דריקט מיט די האנד אויפֿן ברוסט. (אַדריקענדע שטילקייט).

שואל. (הוסט).

ציִיטעל. (שטעהט אויף, געהט צו צום קראנקענס בעט), טאַטע אֶפשר וועסטו נעהמען אַביסל מילך ? ער שלאָפט שיין ווייטער כ׳ווייס אַליין ניט צו ער שלאָפט דאָס אַלץ, צו דאָס איז פון שוואַכקייט, ווי שווער איהם איז צו אַטהעמען!

פּינחס. (געהט צו צום בעט) ער שלאָפט דאָך, דו זעהסט ניט. (קערט זיך ווידער אום אויפן אָרט).

ציִיטעל. (קערט זיך אום פֿון קראנקענס בעט) גאָט ווייס ווען ער וועט בעסער ווערען! (זעצט זיך אנידער פער־הוסט זיך).

פּינחס. דו האָסט אויך אָנגעהויבען הוסטען די לעצטע צייט. . ביזט אַזוי אַראָב פון צורה... (ראָיעט מיט׳ן פינגער אין דעם טאַבאַק) דאָס ציהט אַלץ אין זיך אַריין אָט דעם שטויב פון טאַבאַק. דאָקטוירים זאָגען, אַז דאָס איז אַגעפֿערליכע זאַך צו די לונגען...

ציִיטעל. (פֿערקלערט זיך שטארק).

פּינחס. ביזט אומעטיג... און פאַר וואָס קען איך ניט קלוג ווערען, אַז איך זיטץ לעבען דיר, רייסט מיר עפּעס דאָס האַרץ, מיר ווערט אַליין אויך אומעדיג, ניט יויסענדיג פאַר וואָס, מיר האָבען דאַכט זיך גערדאַרפט זיין פֿרעהליך. פערקעהרט... דו זאָגסט אֶפשר...

צייטיל. (אויפגערעגט) הער אויף... ס׳איז מיר איצט שווער אויסצוהערען אַלע רייד, (קלערט אווילע) איצט דאַרף מען שיין אָן אַלץ פערגעסען. אַ מאַך טאָהן מיט׳ן האַנד אויף אַלץ...

פּינחס. (שפּארט איין מיט די אויגען אין איהר) אוידער

דער דאָקטאָר איז געקומען האָסטו רק אָנגעהויבען מיט אהאַלבען לשון וואָס איך האָב אַ וואָרט ניט פערשטאַנען, און איצט ווידער נאָך אַ מאָל די זעלביגע, שוין דריי יאָהר אַז מיר קענען-זיך, און דו דערדעדסט רק עפּעס ניט... עפּעס בעהאַלסטו פון מיר, און דו נעמסט מיר דערמיט אַשטיק האַרץ אַרויס.... דו מיינסט אַז אַזאַ נאַר בין איך, אַז איך פערשטעה גאָר נישט... איך פערשטעה גוט...

ציִיטעל. וואָס פערשטעהסטדו?

פּינחס. איך פערשטעה גוט... אחוץ דעם טאַטען'ס קראַנקהייט איז דאָ עפּעס פאַראַן נאָך אַזאַך, און דערמיט שטיקסטו זיך, ווילסט מיר נים אויסזאָגען, האָסט מורא... און פאַר וואָס זאָל איך דאָס ניט וויסען? איך מעג דיכט זיך אַלעס וויסען...

ציִיטעל. האָסט אַטועת, דו פערקלערסט, ער ווייס ויאָס... אָבער דו האָסט אַטועת—איך זאָג דיר נאָך אַמאָל...

פּינחס. אויב אַזוי, וואָס זשע נעמסטו מיר מיין געזונד אַרוים?

ציִיטעל. אַז איך וועל דיר אויסזאָגען דעם גאַנצען אֶמת וועט דיך אַסך מעהר געזונד קאָכטען, ווי איצטער... (פאַר הוסט זיך).

פּינחס. מיר דאַרפסטו אַליץ דערצעהלען...

ציִיטעל. (שטעהט אויף און גיט אקוק צום קראנקענם בעט) און וואָס וועט דערנאָך זיין... ער שלאָפט (קעהרט זיך אום אויף איהר אָרט) וואָס וועט דער נאָך זיין? (שטיל)

פּינחס. (ענערגיש) בעסער וועל איך שווייגען...

ציִיטעל. אויב דו עקשהנת'ט זיך איין וועל איך דיר דערצעהלען (שטיקט זיך מיט די ווערטער) ביי מיר איז נאָך אַלעמען.

פּינחס. (ערשראָקען) וואָס נאָך אַלעמען.

צ י נ ִ ט ע ל. (קוקט זיך ארום ווערט טוידטבלאַס) מיר איז ניט גוט...

פ י נ ח ס. וואָס ביזטו אַזוי בלאַס געוואָרען מיט אַמאָל...

צ י נ ִ ט ע ל. (פאנגט אן זיך טרייסלען אין קעלט) איך האָב געזאָגט... (מיט טרערען) איך האָב געמיינט אַז איך וועל קענען... סוף כל סוף נאָך אַזאַ בִיטערן, פינסטערן לעבען, אַמאָל אויסרוהען די ביינער, לעבען אַ לעבען מיט מענשען גלייך: — אָבער איצט... (גיט אַ הוסט שפייט אויס מיט בלוט) נאַ דיר נאַ... גיב אַקוק...

פ י נ ח ס. (פערווירט) וואָס?... בלוט... דו שפייסט מיט בלוט?!...

צ י נ ִ ט ע ל. גענוג איצט, זיץ און וואַרט אויף איין זאַך נאָר...

פ י נ ח ס. (ערעגט) דאָס איז שוין לאַנג... אַז דו... שוין לאַנג?... און דו רעדסט אַוואָרט ניט, וואָס האָסט דו ביז ערסט אַוואָרט ניט דערצעהלט... מען האָט דאָך געדאַרפט פרעגען אַ דאָקטאָר...

צ י נ ִ ט ע ל. (ווישט די אויגען) וואָס האָב איך וואָס צו פרעגען? וואָס וועט שוין איצט העלפען דער פרעגען? זאָ ווי זאָ איז דאָך אַזאַך וואָס פערפאַלען... צו וואָס איז די ריייד...

פ י נ ח ס. (שלאגט איהר איבער) וואָס רעדסטו נאַרישקייט וואָס רעדסטו?... מען מוז... (דער קול האַקט זיך אים אָב) וואָס רעדסטו אַזיינע רייד?... (ער וויינט, זיך אָבשפּארענדיג אויפן האנד).

צ י נ ִ ט ע ל. וואָס זאָל איך דערצעהלען... און צו וואָס זאָלסטו זיך אָבעסען די האַרץ, און צווייטענס... האָץ דו ביזט אַנ׳אייגענער מענש, —פון דעסטוועגען... צו וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען, אַז איך בין אַ געפערליכע!...

פ י נ ח ס. אָבער העֶר זיך אויף צו מאַכען נאריש—הער אויף

ביִט נאָך ניִט אַזאַ געפערליִכע... דו וועסט נאָך ווערען געזונד! גלויב מיִר, צייטעל, דו וועסט זיַין אַגעזונטע...

צ י י ִ ט ע ל. טו פאַר וואָס ביִזטו אַטויטער געוואָרען, דער־זעהענדוג די בלוט?

פ ִ י נ ח ס. אַטויטער?!... איך האָב זיִך דערשראָקען... בלוט אַשפּיִלכעלע איז דאָס וואָס (אשטילקייט)?

צ י י ִ ט י ִ ל. אַז איך וואָלט דאָס געקענט אויף אַ חדש, אויף איין הדש האָץ... ניִשט אָנזעהן דעם טאַבאַק... אַרויסהאַ־פען זיִך דאָ פון קעלער... איך פיהל, איך פיִהל... אַז דער טוידט...

פ ִ י נ ח ס. (שלאָגט איהר איבער) וואָסער טוידט, רייד ניִט אַזעלכע רייד, איך בעט דיִר, זאָג בעסער, ווען האָסטו זיִך אַרום געזעהן, אַז דו ביִזט קראַנק?

צ י י ִ ט ע ל. נאָך איִן פאַבריִקע האָב איך געפיהלט ווי איין ווערטאָג... די טאַבאַק האָט זיִך מיִר ביִסלעכווייַז, אַלץ מעהר און מעהר אַיינגעגעסען איִן די בייִנער, געשפּאַרט נעשפּאַרט אויפן האַר־צען, נאָר דאָרטען האָב איך אויף דערויף ניִט געקוקט; צוויִשען מענשען פיִהלט זיִך דאָס אַזוי ניִט: אויפן זיִנען איז מיִר ניִט אַרויף געקומען אַז איך ביִן אַ מענש אַפּערלאָרענער... נאָר דאָ איז מיִר אַלץ קלאָר געוואָרען מיִט אַמאָל...

פ ִ י נ ח ס. איִן פאַבריִקע נאָך, (אדריקענדע שטיִלקייט, (ערעגט) צייטעל! (נעהמט איהר אָן ביים האנד).

צ י י ִ ט ע ל. וואָס.

פ ִ י נ ח ס. (מיט א זיכערע שטים) דו וועסט זיִך פון דאַנען אַרויסקלייַבען, אויף אַ חדש צייַט וועסטו זיִך פון דאַנען אַרוים קלייַ־בען—דו הערסט?

צ י י ִ ט ע ל. (קוקט איהם אן) וואוהיִן? מיִט וואָס?

פ ִ י נ ח ס. מיִר וועלען אויפזוכען אוואַרעמען ציִמער... דו

וועסט זיך אַרויסקלײַבען... איבערגוואַלד וועל איך דיר אַרויס נעהמען פון דאַנעֶנט.

צ י ט ע ל. און דער טאַטע?

פ י נ ח ס. דו קענסט איהם מיט גאָר ניט העלפען. און רשיל איז דאָך אין שטוב.

צ י ט ע ל און ווער וועט זיי געבען אויף חיונה?

פ י נ ח ס. איך... (ענערגיש) ציטעל! (ציהט איהר פאַר'ן אַרבל) פאָלג מיך, דו מוזט מיר פאָלגען... איך וועל פערדינען... איך פערדינען דאָך... וואָס וועסטו צו לייגען?..

צ י ט ע ל. און מיט וואָס וועל איך לעבען... איך וועל דאָך גאָר ניט טהאָן... מען דאַרף דאָך לעבען!..

פ י נ ח ס. (נעהמט איהר אָן פאַר'ן האַנד) גיב אַ קוק (ווייזט אויף זיין רעקעל) מיין סורדוציק, מיין לעצטען סורדוציק! וועל איך פערקייפען, צו וואָס דאַרף איך איהם?.. (רייסט אַרונטער פון זיך דעם זייגער מיט דער קייטעל) דאָס דאַרף איך אויך ניט... אַלץ פערקויפען!.. ביזן לעצטען פאָדעם זיך פערקויפען, און דו וועסט זיך קענען אָברוהען!.. דו הערסט ציטעל?..

די פאַבריקע, און ווער איז שולדיג אין דעם? ווער האָט? דו האָסט מיר די מינוט געדאַרפט דערצעהלען (דורך טרעהרען) איך וועל דיר לאָזען פאַלען... איך... דו ווייסט, דוכט זיך, דו קאָנסט מיך,—דו קאָנסט מיר נאָך ניט ציטעל... (טרייסעלט איהר האַנד) איך זאָג דיר, אַז דו קאָנסט מיר נאָך ניט... איך זאָג דיר... (שטיל. ער קוקט איהר שאַרף אָן).

צ י ט ע ל. די מאַמען קען איך דאָס ניט דערצעהלען... איך קאָן דעם טאַטען אַזוי ניט לאָזען, און צווייטענס—ווי אַזוי?.. שוין וועל איך קענען אפילו אויף אַמינוט לאָזען אָט די שטוב אַזוי?.. (פערקלעהרט זיך אַ רגע) איך קען דאָס די מאַמען ניט דערצעהלען, איך קען ניט...

פּ י נ ח ס. צײַטעל!..

צ ײַ ט ע ל. בשום אופן ניט! (פערצווייפעלט) וואָס ס'וועט זײַן וועט זײַן...

ש ו אֶ ל. צײַ־טעל.

צ י י ט עֶ ל. (געהט צו)

ש ו אֶ ל. (שווער) מיר איז זעהר שלעכט.. האָט מען געבראַכט די רפואות?

צ י י ט עֶ ל. מען איז אַוועק, טאַטע, אין אַפּטייק. ס'איז דיר אַזוי שלעכט, טאַטע?

ש ו אֶ ל. וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?

צ י י ט עֶ ל. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דו וועסט אין גיכען געזונד ווערען (פּינחס געהט צו צום בעט).

ש ו אֶ ל. (מיט אַ זיפץ) גאָט ווייס, אַ-אַה, גאָט ווײַ-ס... פּינחס?..

פּ י נ ח ס. איך, וואָס מאַכט איהר?

ש ו א ל. אַז איך וואָלט געקענט אויף אַ רגע... אַרויסגעהן פון דאַנען... אויף אַ רגע... איך האָב קיין אַטהעם ניט... איך ווער אַ דערשטיקטע־... דער טאַבאַק... (שלאָפט אַיין).

צ י י ט עֶ ל. (שטיל) ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען (טרעט אָב פון טיש אויף די שפּיטץ פינגער. הינטער איהר געהט נאָך פּינחס)

פּ י נ ח ס. (נאָך אַ קליינעם שווייגען) מײַן זייגער וועל איך מעהר ניט טראָגען... ניט טראָגען איהם מעהר...

ק י ל ה. (קומט אַריין) נו וואָס הערט זיך? אַ האַלבען רובל קאָסט די רפואות; אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט זײַן פאַרטיג... ווי האָט ער געשלאָפען? (געהט צו צום בעט) ער שלאָפט... רק ער שלאָפט, וואָס שלאָפט ער דאָס רק? (טרעט אָב פון בעט) אפשר וועט זיך גאָט מרחם זײַן, — (קוקט זיך איין אין צײַטלען) וואָס איז מיט דיר? זעה ס'אַר אַ צורה דו האָסט?

צ י י ט ע ל. וואָס פאַר אַ צורה זאָל איך האָבען? די גרויסע נחת... האָסט וואָס געגעסען, מאַמע? דו האָסט דאָך אַ גאַנצען טאָג נאָך אין מויל ניט געהאַט...

ק י י ל ה. איך?... ביזט גאָר אַ קינד; וואָס האָסטו זיך פערדאגה'ט פאַר מיר?... (צייטעל טרעט אָב אין אַ זייט און רייבט די אויגען) הער אויף צייטעל, וואָס קאָן מען העלפען? אָפּשר וועט דער אויבערשטער פאָרט רחמנות האָבען... און דו האָסט עפּעס געגעסען?...

צ י י ט ע ל. כ'האָב געגעסען...

ק י י ל ה. (פערצווייפעלט) קלעהרען... ווי אַ מענש טאָר דאָס ניט קלעהרען... ווי מען טאָר דאָס ניט... איך האָב געמיינט: אָט די קינדער וועלען גרעסער... וועט אַביסעלע גרינגער וועלען... און האָסט דיר היינט מיט אַ מאָל... די קינדער אָהן אַרבייט, ער קראַנק... מהו... (צו געדעקט דעם טאַבאַק) און זי — אוהו פנים, ווער זעהט ווי זי ווייזט אויס, אַז עס וואָלט זיך דאָך עפּעס מאַכען אַנ'אַנדער מין פאַבריקע, אַנ'אַנדער סאָרט אַרבייט... וועלכע עס איז און איצט גאָט וויים... וואָס זאָגט מען אין שטאָדט ס'איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ מעהר...

פּ י נ ח ס. די פאַבריקע... וואָס איז די גליקען אינפאַבריקע?... וואָס האָט מען פון איהר?..

ק י י ל ה. וואָס רעדסטו עפּעס?.. סטייטש וואָס האָט מען פון איהר; און ברויט דו שפּיעלסט זיך היינטיגע צייטען וואָס? ווי ניט, וויפיעל זיי האָבען דאָרט ניט פערדיענט האָבען זיי פאָרט פערדיענט; פון דעסט וועגען ווי זאָגט מען, איז אַלץ געווען מיט אַ דרך... איך אַליין...

ש ו א ל. קיילה!.. קיילה!.. דו ביזט דאָ?

ק י י ל ה. (געהט צו צום בעט) דו ווילסט עפּעס וואָס?

ש ו א ל. (שווער) ס'איז מיר שלעכט... שלעכט... איך

ווער אַ דערשטיקטער... כ'האָב ניט מיט וואָס צו דישען... אֶפשר איז דאָ אַנ'עצה וואָס ניט איז...

פינחס. אין הקדש אֶפשר?..

קיילה. אין הקדש' אויב מען, וועט צונעהמען.

שואֵל. (זיפצט) נ-נײן... ניט אין הקדש... דאָ אין שטוב... ס'איז מיר שלעכט... די כוחות געהען מיר אויס... ברײנגט די רפואות... דעם טאַבאַק, נעהמט צו... אי... דער דאָקטאָר... וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר?

קיילה. וואָס פֿאַר אַנ'עצה קען מען זיך געבען? וועה איז מיר, וואו ווענדט מען זיך, צו וועמען ווענדט מען זיך!..

שואֵל. ניט אין הקדש נאָר... נײן... דאָ אין דער היים... בײַ זיך אין די אײגענע פיער ווינקלען, דאָ... ווער ווײס... אויף מײַן אײגענע בעט... (פויזע).

קיילה. אֶפשר דיר געבען עפּעס וואָס אין מויל, שואֵל, האַ? ער שלאָפט ווײַטער, אַפערמאַטערטער געוואָרען. פון שוואַכ־קײַט, אַלץ ער שלאָפט... (טרעט אָב פון בעט) די שטוב, די שטוב, קוילעט איהם אַוועק (קוקט זיך אַרום) אַגעזונדער קען דאָ קראַנק ווערען, אַפשיטאָ שוין אַ קראַנקער מענש, און נאָך מיט אַזאַ קראַנקער האַרץ ווי ער איז... אֶפשר זאָל מען אויפזוכען אַנ'אַנ־דער דירה? מען וועט אַרויסנעהמען די קינדערשע געלד פון באַנק...

פינחס. מען מוז דאָס טהאָן, אַז מען מוז, מוז מען, חאָץ איבערגוואַלד, דאַרף מען זעהען אַ דירה.

קיילה. איבער געוואַלד... אָבער וואו זוכט מען? אֶפשר וואָלט מען געקענט חאָץ קריגען אַ קעלער, אַ העכערען אביסל, ניט אַזוי טיעף אין דר'ערד. די פענסטער זאָלען לכל הפחות אַרויס צום גאַס צו (פערטיעפט זיך אין איהרע געדאַנקען) אַזאַך וואָס קען ניט געמאָהלט זײַן...

פינחס. צײַטעל טאָר דאָ אויך ניט זײַן.

קיִילה. אודאי טאָר זי ניט, מיר טאָרען דאָ קיינער ניט זיין, דאָ איז אַ סם המות פֿאַר אַלעמען ב"ה.

פיִנחס. ניין, זי די ערשטע טאָר ניט זיין... זי טאָר ניט; זי שפּיעלט דאָ מיט'ן לעבען, דאָ אין קעלער, דאָ...

קיִילה. אַודאי... זי איז אַ שוואַכע... קוים וואָס די נשמה האַלט זיך נאָך איין אין איהר...

פיִנחס. איהר קאָנט גאָר איהר ניט פערשטעהן, איהר ווייסט ניט... זי טאָר ניט; זי מוז ענטלויפען פון דאַנען... ענטלויפען מוז זי... איך וועל אַליין זעהען, זעהען, אַז זי זאָל פון דאַנען ענטלויפען...

קיִילה. (אַ דערשראָקענע שפּאַרט זי איין די אויגען אין פינחס'ן) וואָס איז, רייד גאַנצע רייד, איך ווער משוגע, וואָס בעהאַלט מען פון מיר?.. האָט זיך עפּעס געטראָפען וואָס?

פיִנחס. עס האָט זיך גאָר נישט געטראָפען, גאָר נישט, אָבער זי.

קיִילה. (געפּיהלפּאָל) זאָג מיר, דערצעהל מיר נאָר וואָס האָט זיך געטראָפען?.. דערצעהל... מיר וועסט ניט אָבנאַרען.. איך בין דאָך אַ מאַמע!..

פיִנחס. (גאַנץ פערלאָרען) גאָר נישט, גאָר נישט, קיין שום זאַך נישט... נאָר זי אַליין וויל ניט קאָן איך גאָר ניט דערצעהלען.

קיִילה. (נעהמט אָן פינחס'ן פאַר'ן אַרבל) פינחס, קינד מיינער, דערצעהל מיר, לייג מיר ניט קיין שטיין אויפן האַרצען, האָב רחמנות, דאָס וואָס דו בעהאַלסט, איז מיר נאָך טויזענדער מאָהל שווערער... כ'וועל ניט אויסהאַלטען, זאָג!.. ווער זאָל וויסען אַז ניט אַ מאַמע?..

פיִנחס. קיין זאַך האָט ניט געטראָפען, אָט אַזוי זיך...

קיִילה. ניין, ניין, כ'וועל דיר ניט אָבלאָזען, ניין... דו מוזט... אַ מאַמען קען מען ניט אָבנאַרען... אַלץ וועסטו מיר דערצעהלען... מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס... (וויין) פינחס!.. (קוקט

איהם גלײַך אין די אויגען אַריין).

פינחס. (רייבט מיט'ן פינגער די אויגען) זי האָט מיר הײַנט געזאָגט, אַז זי איז קראַנק.. זי שפּײַט מיט בלוט.. זי האָט געזאָגט . . .

קיילה. מיט בלוט?! וואָס? ווער מיט בלוט? ציַיטעל? (זי זוכט אַזוי ווי אַרום עפּעס) וואו איז זי? וואו איז זי אַוועק? וואו איז זי אַוועק? ווער, וואו? וואוהין איז זי אַרויס? צײַטעל? (קוקט צום טהיר צו) צײַטעל! לעבען מײַנער! (אַיילט זיך אַרויס צו געהן. פינחס בלייבט שטעהן אַוויילע צומישט, און געהט באַלד אויך אַרויס. פויזאָ).

שואל. (זיפצט) האָ!.. כ'ווער דערשטיקט... ניטאָ קיין לופט. (פּרובט אויפהייבען דעם קאָפּ, פאַלט צוריק אויפ'ן קיסען) אַ קאַפּ, אַ קאַפּ לופט!..

[דער פאָרהאַנג פאַלט.]

דריטער אקט.

די דעקאראַציע ווי אין די פר׳הערדיגע אַקטען. ערב שבועות האלבען טאג אין מיטען צימער שטעהט קדיש און האַלט אויפן האַנד צביה׳ס קינד. צביה בעט אויס אַ בעט, סטארעט זיך מאַכען דאָס געלע-גער וואָס ווייכער. פון צביה׳ס צימער געהט אַרויס קיילה און רשיל, און האַלטען צייטלען אונטער די אַרעמ׳ס.

צביה. די בעט איז שוין אויסגעבעט!

צייטעל. (אנגעטאן אין א לאנגע ווייסע העמד, מיט א דין טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, דאס געזיכט זעהר איינגעפאלען, נאר אין די באקען שפילט ארויטקייט, רעדט שווער) פון דעסטוועגען... דאָ איז בעסער... דאָ—אָה איז גרינגער צו אַטהעמען... דאָרטען האָב איך געמיינט כ׳וועל דערשטיקט... (הוסט).

קיילה. פאַר איאָהרען האָב איך גאָר ניט געפיהלט ס׳אַר אַגליקליכע איך בין געווען.

צייטעל. (קוקט מיט שרעק און חשד אויף דאס בעט) ניין... ניין אין די בעט וויל איך ניט... איך וויל ניט איהר, בעט מיר אויס אין יענע בעט...

קיילה. וועה איז מיר... מיר וועלען דיר לעגען אין יענע בעט... שפּאַר זיך אָב אויף מיר, מיין גאָלד. צביה, רשיל, טראָגט אַרויס יענע בעט אויף וועלכע זי איז געלעגען (צייטעל בלייבט אָנגעלעהנט אויף קיילהן, צביה און רשיל איילען זיך אין צווייטען צימער) ס׳אַר איין אויסגוס ס׳איז דאָס אויף מיר, רבש״ע?

צביה. (טראגט מיט רשיל׳ן דאס בעט) פערליערט ניט

דעם בטחון קײ.ה, מען טאָר ניט פערלירען דעם בטחון... ביי'ם אויבערשטען איז אַלץ מיגלאַך, זײַן ווילען זאָל נאָר זײַן דערבײַ... עס געהט צו זומער... צײַטעל וועט אי"ה נאָך קומען צו איהר געזונד.

קדיש. (צו צביהן) אָט אזוי געהט... אהער, לינקס צו, אָט אַזוי.

צײַטעל. יעטע-עלט אַוועק די בעט אָט דאָ אין מיטען (ווײַזט אָן מיטן האנד ארום) ענטגעגען פענסטער, די שײַן... כ'וועל זעהן...

קײלה. גוט מײַן קינד, מיר וועלען דיך אַיועקלעגען דאָ... דער ליבער זומער וועט קומען... גאָט וועט אונז ניט פערלאָזען, טאָכטער'ל.

צײַטעל. גי-יכער... כ'האָב קײַן כח ניט אײנצושטעהן אויף די פיס...

רשיל. שוין ווײַך (קלאפּט אויף די פּערענע ס'זאָל זײַן ווייכער, העלפט אנידערלעגען צייטלען).

צײַטעל. (ליגט) אפשר וועט מיר דאָ זײַן אַקאַפּ פרײַער.

קײלה. מיר האָבען דיך אַרויסגעפיהרט אהער... אפשר אין אַזאַ גוטע שעה, און דער אויבערסטער וועט צוזעהן מײַן עלענד... מײַן פערטרויערט הארץ (דורך טרעהרען) וואָס וואָלט איך פערלאנגען פון גאָט. ווען ער וואָלט מיר איבערגעלאָזען ביי פריערדיגען שטאנד מײַנעם?... וואָס האָט מיר געפעהלט, אַז כ'יין מאַן און כ'ײַנע קינדער זײַנען געווען מיט מיר? צו האָב איך זיך ווען בעקלאָגט, אַז מיר איז שלעכט? איך בין אײביג געוועזן צופריעדען...

צביה. (נעהמט צו דאס קינד פון קדיש'עס הענד (פּײַגעלע טײַערער (קוסט עס).

קײלה. (צו צביהן) וואָס ביזטו שולדיג נעבאַך, אַז דו

דאַרפסט זײַן מיט אונז אין אײנעם, און דאָס אַלץ צוזעהן? דו האָסט דאָך געקאָנט זײַן אַ פרײַער מענש.

צ ב י ה. כ'האָב קײנמאָל ניט געדאַגה'ט נאָר פאַר זיך אַלײן אַז אײנער זאָל דעם אַנדערן ניט העלפען אין אַ שלעכטע צײַט, — וואָלטען דאָך מענשען פאַלען אין די גאַסען.

ק י י ל ה. מיט וואָס וועל איך דיר קענען באַצאָהלען פאַר אַלדעם-דינג?

צ ב י ה. זאָל אײך נאָר גאָט העלפען (פויזע).

ק י י ל ה. (זיך צוקוקענדיג צו רשילען) איך קלער איהר בלי נדר שיקען אויף אַנ'אָרט? וואָס איז דאָס וואַרטעניש וואָס? . . .

ר ש י ל. און ווער וועט זײַן אין שטוב?

ק י י ל ה. איך אַלײן.

ר ש י ל. אַזוי ווילסטו? אַלײן . . . און בײַ נאַכט—דו וועסט אַפּנים קענען זײַן אויף אַגאַנצע נאַכט?

ק ד י ש. בײַ נאַכט קען איך זײַן אויף.

ר ש י ל. נײן; איך קען ניט לאָזען די שטוב אַלײן; אויביג וועט זײַן מײַן האַרץ דאָ . . . שטענדיג וועל איך וועלען זײַן דאָ, הערען, זעהן, וואָס דאָ איז . . .

צ י י ט ע ל איך וויל אַז זי זאָל בלײַבען אין שטוב . . . ס'וועט מיר זײַן אומעדיג אָהן איהר . . . דאָ איז אַנ'אומעט . . . אָי ס'אַר אַנ'אומעט . . . ס'וואָלט זיך וועלען אַרויסגעהן אין דרויסען . . . . אָבאַטהעמען זיך פרײַ . . . חאַפּען אַפּריש . . . ל ו-פט (גיט זיך אקעהר) אָבער איך קען ניט, הו . . . אַז אַלע זיצען אַרום מיך, דאַן פיהל איך ניט אַזוי . . . אַלע גליעדער ברעכען מיר . . . ניטאָ אַגליעדער, וואָס זאָל מיר ניט וועה טאָהן.

צ ב י ה. אַוודאַי, יעדער דולה איז אַזוי; אַז מען ליגט אַצײַט אָב אַלץ אויף אײן אָרט, הויבען אַ־ע גליעדער אָן וועה צו טאָן (אַקליינע שטילע).

קדִיש. (צו זיך אליין) היינט אִיז עֶרב שבועות.

צײַטעֶל. ערב שבועות אִיז היינט... א=ו=ו.

קײלה. פאַר אַיאָהרען שבועות אִין דעֶר צײַט (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אַודאַי ווייס גאָט וואָס עֶר טהוט (מיט אַווייכע שטים) צייטעל, נשמה מײַנע אֶפשר ווילט זִיך דִיר עֶפּעס וואָס?

רשִיל. טראָגט אַרויס פון צביה'ס קאַמער א טאַץ אויף אִיהר קלײנינקע פל'עשעלעך מיט רפואות, קעלישקעס און נאָך אַנדערע: שטעלט נעבען דער קראַנקעס בעט.)

צײַטעֶל. אִיך דאַרף קײן זאַך נִיט.

צביה. אֶפשר זאָלען מִיר אַוועֶקגעֶהן פון בעֶט... אֶפשר וועֶט זִי אײַנשלאָפען אַבִיסעֶל, ביי נאַכט האָט זִי דאָך נִיט געֶשלאָפעֶן, ווִי עֶס בעֶדאַרף צו זײַן—

צײַטעֶל. זִיצט נעֶבעֶן מִיר... אַדרבאָ זִיצט דאָ אַרום, ס'אִיז מִיר פּוּסט־יאַטנעֶר... וואוּ אִיז קדִיש? איבִיג בעֶראַלט עֶר זִיך, אִיך זעֶה אִיהם נִיט.

קדִיש. (טרעט נעהענטער) אִיך בִין דאָך שטעֶנדִיג אִין שטוּב!

צײַטעֶל. דו בעֶהאַלטסט זִיך אויבִיג... וואָס האָסטו מורא צו זִיטצעֶן ל'עֶבעֶן מִיר...? מִיר אִיז בעֶסעֶר אַז אִיך זעֶה אַלעֶמעֶן... כ'האָב אויבִיג מוראָ... מוראָ... אַיבעֶרהויפּט אַז אִיך האָב מִיר אויף... קוק זִיך אַרום... און קײנעֶר אִיז נִיטאָ... דאַנקאָלכט אִיז מִיר אַזוי בִיטעֶר... ביי נאַכט... אֶי דִי נעֶכט... אַז געֶנעֶן וואָלטעֶן געֶקעֶנט... (פערהוסט זיך).

קדִיש. דעֶר דאָקטאָר האָט דאָך פעֶרזאָגט דו זאָלסט נִיט רײדעֶן אַזוי פִיעֶל, האָט עֶר געֶזאָגט.

צביה. אַודאַי אִיז עֶר געֶרעֶכט... רײדעֶן א סך טאָר מעֶן נִיט (שטילע).

רשִיל. אִיהר געֶדעֶנקט, וואָס אִיז געֶוועֶן פאַר אַיאָהרעֶן עֶרב שבועות?

צביה. דאַמאָלסט איז נאָך דער מאַנמײַנער געװען היעֶ...
עס קען זײַן אין איאָהר אַרום װעל איך שוין אויך זײַן אין אַמעריקאַ.

צײַטעל. איהר האָט בעקומען פון איהם אַבריעף?

צביה. דו געדענקסט? נאָך ערהער-נעכטען האָב איך דיר דערצעהלט, אַז איך האָב בעקומען פון איהם אַבריעף.

קײַלה. מיט גאָט'ס הילף... נאָך אַחודש, נאָך אַחודש, און דו װעסט קומען צו אַנ'אַנדער שטאַנד.

צײַטעל. װי גוט... אַז איהר אַלע... אַז איהר אַלע זיטצט דאָ בײַם בעט.

צביה. דו װעסט געזונד װער'ן און איך װעל נאָך טאַנצען אויף דײַן חתונה אין גיכען. (פויזע.)

קײַלה. הלואי... (צו צייטלען) נו, איז דיר דאָ פרײַער?

צײַטעל. דאָ איז אַנדערש... דאָ זעה איך אַמאָל די ליכטיגע שײַן... און דאָרטען אין קאַמער איז יעדער מינוט אַ יאָהר... אַ יאָהר איז יעדער רגע...

קדיש. אפשר גאָר עפענען דעם פענסטער.

צײַטעל. מיר איז דאָ פרײַער אַביסל, איך װיל זיך אַװעק זעטצען אַביסעל, העלפט מיר, איך װעל זיך אַװעקזעטז'ען.

קײַלה און רשיל. (העלפען איהר).

צײַטעל. אָה... אַלע גליעדער... װען װעל איך שיין קענען אַראָב געהן פון בעט?... צביה, איך װיל איהר זאָלט מיר איבערלייענען דעם בריעף װאָס... איהר האָט בעקומען פון אַמעריקאַ...

צביה. אדרבה... אַז איך זאָל נאָר װיסען, אַז עס זאָל דיר גרינגער װערען אַ מינוט... װאָלט איך זיך מפקיר געװען (גיט אַטאַפּ אין קעשענע) אָט איז ער! (קוקט אויפן קאָנװערט) דאָס שרײַבט ער אַלײן... ער שרײַבט גוט, יעדער װאָרט איז פּראָסט אַ חיות... (נעהמט אַרויס דעם בריעף פון קאָנװערט, און דערלאַנגט קדישן.) לײען דו איבער, קדיש... ער האָט מיר געװאָלט אויסלערנען שרײַבען און לײענען אײדער ער איז אַװעקגע=

פאַהרען, האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט אָבריַיסען, ער איז אויביג געווען אַ פערנומענער...

קדיש. איך וועל ניט לייענען; רשיל וועט איבערלייענען.

ציטעל. רשיל, לייען מיר איבער דעם בריעף אָבער ס'איז מיר שווער צו זיצען... ס'איז מיר שווער... האַלט מיך צו... כ'וועל זיך אַנידער לעגען...

קילה. לעג זיך, מיין טאָכטער (ציטעל לעגט זיך) אָט אַזוי טרייסט מיינע.

ציטעל. לייען הויך... לייען...

רשיל. (לייענט) „צו מיין טייערע און געליבטע צביה, זאָל לעבען"...

ציטעל. ער שרייבט אַליין?

צביה. אַוודאי, שרייבט ער אַליין... ער קען דאָך רוסיש אויך... אַלע אַדרעסען שרייבט ער אַליין...

רשיל. (לייענט ווייטער) ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, מיין טייערע, אַז איך בין אַלויב דעם עוויגען געזונד, גיבע גאָט פון דיר צו הערען גוטע נאַכריכטען, „אָמן". און צווייטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז איך פערדין מיט צוויי דאָלער מעהר, ווי איך האָב פערדינט פריהער — דה"ינו — ניין דאָלאַר אַ וואָך. אַלץ איז דאָ אַם בעסטען. פאָריגען שבת בין איך געגאַנגען דאַווענען האָט מען מיר מכבד געווען מיט מפטיר, נאָכהער, ווי איך בין געקומען נאָך הויזע, האָב איך זיך זעהר פערבייַנקט נאָך דיר... עס האָט זיך מיר פערוואָלט זעהר ז'עהען פייבעלען. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין שוין צעהן יאָהר, אפשר פון דער היים"...

קילה. אַז גאָט וועט איהם העלפען, וועסטו פאָהרען צו איהם.

צביה. אַוודאי ווע' איך פאָהרען צו איהם; וועמען האָב איך דאָ און וואָס האָב איך דאָ? דאָרטען שרייבט ער מיר „מאַכט מען אַ לעבען" און דאָ פוילט מען מעהר ניט לעבעריגערהייד.

צ י ‍ ‍ טעל. (פאַנגט אָן צו וויינען, בעמיהט זיך צו בעהאַל- טען דאָס געזיכט).

קיילה. טאָכטערל, קרוין מיינע, וואָס איז דיר געוואָ- רען, וואָס וויינסטו?.. ס'איז דיר ערגער געוואָרען, מיין טאָכטער? (גלעט איהר איבערן קאָפּ).

ר שיל. ל'ייענען דעם בריעף?

צייטעל. (כליפעט).

קדיש. אפשר זאָל איך איהר געבען וואַסער.

קיילה. (נעהמט אַרום צייטלען) צייטעל, ל'עבען מיינער וויין ניט, דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דיר איז גרינגער... הער אויף, האַלט זיך איין... פאַר וואָס בין איך בעסער ניט קראַנק געוואָרען אַנשטאָט דיר... הער אויף...

צייטעל. דאָ איז מיר בעסער... (שווער) ניט שוין בין איך ערגער פון אַלע אַנדערע מענשען... ניט שוין...

צביה. אַז איך בין אַלט געווען פיערצעהן יאָהר בין איך קראַנק געווען אויף אַ טיפוס; אַלע האָבען מיר אָבגעזאָגט דעם ל'עבען, קיינער האָט זיך ניט געגלייבט, אַז איך וועל פון בעט אויפ- שטעהן, און פון דעכטוועגען, אַז גאָט האָט נאָר געוואָלט אַז איך זאָל ניט שטאַרבען אין מיינע יונגע יאָה־ען... זעהט איהר דאָך, אַז איך בין געזונד, פריש, און איך האַלט מיין פּייבל'ען אויף די הענד.

רשיל. און איך, און וויפיעל מאָל בין איך געווען קראַנק.

קדיש. אַז דער טאַטע וואָלט ניט געלעגען אין קע'לער...

צביה. אַ קע'ער, אַ פּאַלאַטץ, וואו גאָט וויל קען ער צו שיקען די רפואה שלמה, ביי איהם איז קיין חילוק ניטאָ. (אַשטילע).

רשיל. זאָל איך קאָנטשענען לייענען?

צביה. ס'איז שווער צו הערען... מען דאַרף ניט; גיב מיר איהם אַהער (נעהמט דעם בריעף ביי רשיל'ן).

צ י ׳ ט ע ל. מיר... מיר איז ניט שווער... נאָר (פויזע) מאַמע!

ק י ׳ ל ה. וואָס איז דיר, טײַערע מײַנע?

צ י ׳ ט ע ל. וואָס מאַכסטו קײַן זאַך אויף יום-טוב... הײַנט איז דאָך ערב שבועות, הײַנט...

ק י ׳ ל ה. וואָס איז מיר יום-טוב... (קלערט אַ רגע) וואָ-אָס? אוים יום-טובים פאַר מיר; אַז דער טאַטע וואָלט געלעבט, דו וואָלסט געווען געזונד... וואָס דאַרף איך... איך וואָס דאַרף? (הויבט אויף די הענד און ווישט די טרערען).

צ ב י ה. נעהמט בײַ מיר אַ רובל און גרײַט עפּעס אָן; מאַכט יום-טוב... אין שטוב וועט אייך זײַן אַביסעל פרעהליכער... מען וועט אָנצינדען ליכט... מײַן מאַמע עליה השלום פלעגט זאָגען, אַז צוליעב דעם זכות פון שבת און יום-טוב העלפט גאָט... (נעהמט אַרוים פון קעשענע די בײַטעלע) איהר דאַרפט בײַ זיך אַזוי ניט פאַלען, איך האָב גערעכענט, אַז לכל הפחות, אַז איהר, קײלה, וועט זײַן אַ העלד; איז איצט — איז פונקט פערקעהרט... (דערלאַנגט איהר איינינגע מטבעות) אַ לעבעדיגער מענש דאַרף שטענדיג האָ-פען...

צ י ׳ ט ע ל. גרײַט, מאַמע, עפּעס אָן... מיר וועט אויך זײַן פרעהליכער...

ק י ׳ ל ה. איך וועל אָנגרײַטען, אָנגרײַטען מײַן קינד, מײַן גרעסטער יום-טוב וואָלט געווען, אַז גאָט וואָלט דיר מײַן טאָכטער, צוגעשיקט די רפואה שלמה (נעהמט דאָס געלד ביי צביה׳ן) איך קלעהר: שוין האָט גאָט אָן מיך אין גאַנצען פערגעסען?.. אֶפשר וועט מיר נאָך כביכול העלפען, און איך וועל דיר נאָך קענען אַוועק-געבען. (ווישט אָב די טרערען).

צ י ׳ ט ע ל. הער אויף, מאַמע... הער אויף!

ק י ׳ ל ה. מעהר ניט, טאָכטערל, מעהר ניט... (צו קדיש׳ן) נאַ דיר דאָס געלד, גיה צו פּינחס׳ן, איהר וועט איינקויפען חלה..

צ י ר ט ע ל. ניין... מען דאַרף ניט צו פּנחס'ן, זאָל ער ניט געהן... די מאַמע זיינע איז אין כעס, זיין מאַמע...

ק ד י ש. צו וואָס דאַרף איך פּנחס'ן, צו וואָס? איך קאָן אַליין איינקויפען, וואָס מען וועט הייסען.

ק י י ל ה. נו, קויף חלות... אַפּאָאָר חלות... פלייש איז ניט נויטיג, צו וואָס פלייש... און נאָך? ליכט עטליכע... פליגעלאַך, פּיסלאַך אַפּאָאָר, עטליכע, אויב דו וועסט קריגען, מען דאַרף אויס־קאָכען אַ לעפעל זופּ...

צ ב י ה. (צו רשיל'ן) נאַ האַלט צו מיין פּייבעלען ע... איך וועל שוין אַליין זעהען וואָס איינצוקויפען.

ק ד י ש. איך וועל אַליין... (געהט אַרויס פון שטוב).

צ ב י ה. (דע־לאַנגט דאָס קינד רשיל'ן) נעהם אַרגע מיין אוצר; איך וועל קדיש'ן עפּעס אָנזאָגען (רשיל נעהמט צו דאָס קינד, צביה הייַלט זיך אַרויס).

ק י י ל ה. (נאָך אַ קליינע שטילע) וואו מען וואָהנט טאַקי ניט מיט אַ מענשען קען מען איהם ניט קענען, ווער וואָלט דאָס גלויבען, פון אָנהויב, אַז אימיצער וואָלט זאָגען, אַז צביה וועט זיך אַזוי מוסר נפש זיין פאַר אונזערט וועגען... ווען ניט זי... פון הימעל... אַ שליח פון הימעל איז זי נאָר...

ר ש י ל. פּייבעלע איז אויך אַ וואָהל קינד.

ק י י ל ה. איך האָב שוין גאָר דעם חשבון פערלאָרען, וויפיעל איך קום איהר, וועה איז מיר (אַ קליינע שטילע).

ר ש י ל. אַז איך וואָלט געוואוסט, אַז אין פאַבריקע וועט מען אַזוי גיך ניט אָנהייבען טאָהן, וואָלט איך דאַנקאָלס...

צ י ר ט ע ל. אין פאַבריקע זאָלסטו מעהר ניט געהן... מעהר ניט געה... קדיש אויך ניט... דאָרטען איז דער טויט פיל אין אַלע ווינקעלאַך...

צ ב י ה. (קעהרט צוריק) כ'וועל נעהמען דאָס קינד און געהן

עפּעס אָנגרייטען פאַר זיך אויך אויף די פּאָאָר טעג יום־טוב...
אָה ס'אַר אַ וואַרעמקייט עס איז אין דרויסען...

קילה. דו קענסט צו קלייבען ביי זיך אין קאַמער.

צביה. וואָס נעהמסטו זיך אַזוי פון דעם צום האַרצען, וואָס...
אַנ'איבריגע זאַך... מיט וואָס בין איך זיכער?.. מיט וואָס בין
איך זיכער מיט מיין פּייבלען, זאָל לעבען... (מיט אַ פרעהליכע
שטים) אַז דו וועסט ווערען געזונד אם ירצה השם, וועל איך נאָך
טאַנצען ביי דיר אויף חתונה... (צייטלען) דו וועסט דאָך טאַנצען
מיט מיר, צייטעל, האַ?

צייטעל. (וויל אויפהייבען די האַנד און קען ניט) פער־
פאַלען... אַלץ פערפאַלען...

קילה. נאַררעלע... וואָס האָסטו זיך איינגערעדט אַזוינע
זאַכען... וואָס... טויזענדער מענשען ווערען קראַנק און ווערען
געזונד ווידער, און דו שמועסט זיך אַיין ער ווייסט וואָס... איך
וויין... וויין איך סתם... ס'האַרץ איז פערביטערט... מען איז
איינינקע אַליין... קיינער וועט גאָר ניט זעהען אפילו ווי איך מיט
מיינע קינדער וועלען חס ושלום אויסגעהן... דו ליעגסט אויף אַ
קראַנקע בעט, און איך האָב ניט אַפּילו מיט וואָס די נשמה צו
דערהאַלטען... (נאָך אַ קליינע שטילע).

צביה. (קלייבט זיך אַרויסצוגעהן) אייך קיילה וועט אייך
זיין געגוג... הערט איהר אויף צו וויינען כ'לעבען... מען טאָר
דעם בטחון ניט פערלירען... (געהט אַרוים).

צייטעל. (הוסט) וו־אָ־אָם פון מינוט... ווער איך אַלץ אַ
מעהר צו געשמידטע צום בעט... איך פיהל אַז די פיס נעהמען
מיר דאַכציך אָב...

רשיל. דאָס איז אַלץ באַ'שר דו ביזט קראַנק, יעדער חולה
איז אַזוי...

קילה. דאָס איז גאַר נישט, מיין טאָכטער... וועסט נאָר
אם ירצה השם אַביסעלע בעסער ווערען, וועסטו פון דאָס ניי דער־

פיהלען יעדער גליעד... בעזונדער... (אַשטילע).

ציטעל. איך וויל זעהען פינחס'ן... רשיל... גנה רוף אהער פינחס'ן... שלעכט... ס'איז מיר שלעכט...

קילה. אפשר זאָל איך דיר עפּעס געבען אין מויל אַריין?

ציטעל. רשיל... רוף מיר...

רשיל. טאָמער איז ער אין שטוב ניטאָ?

קילה. גנה אַריבער און זעה.

רשיל. (געהט אַרויס).

קילה. (שטעהט אויף פון אָרט).

ציטעל. לאָז מיר ניט אַליין, מאַמע, אַז איך בלייב אַליין איז מיר מאָדנע שלעכט...

קילה. איך לאָז דיר ניט אַליין, קינד מיינע.

ציטעל. היינט איז דאָך ערב שבועות, היינט... האַ, מאַמע?

קילה. האָסט שוין פערגעסען, וואָס... האָסט דאָך אָקאָרשט אַליין געזאָגט...

ציטעל. מיין קאָפּ דרעהט זיך מיר... איך פערגעס... איך ליג... כ'ליג... (פערמאַכט די אויגען).

קילה. שלאָף... שלאָף...

ציטעל. (עפענט אויף די אויגען) דו ביזט דאָ מאַמע?

קילה. שרעק זיך ניט, מיין טאָכטער, איך בין דאָ, אָט זיטץ איך לעבען דיר; איך גנה ניט אַוועק, ניין...

ציטעל. (אָטהעמט שווער) כ'בין פאַ-אַר-מאַ-אַטערט!..

קילה. שלאָף... שלאָף, איך זיטץ דאָ לעבען דיר, איך בין דאָ... (אַ רגע שטיל).

ציטעל. (מיט אַ מעהר העכערע שטימע) פינחס איז נאָך ניטאָ?..

קילה. (דערשראָקען) וואָס איז דיר קרוין מיינע, ס'איז דיר ערגער? זאָג נאָר... (ציטעל ענטפערט ניט, קיילה שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און ווישט אָב אַ טרעהר פון די אויגען).

פּינחס. (קומט אריין. אַ קליין פּעקעלע אין האַנד. ער וואַרפט אַ בליק אַרום און געהט צו אויף די שפּיטצען פינגער צום בעט) וואָס מאַכט זי? (קוקט אויף צייטלען) זי שלאָפט?

קײלה. ענטשלאָפען געוואָרען, אפשר וועט זי שלאָפען...
זי כאַפּט זיך רק אויף, ווי מען טרעט אַ ווײַלע אָב פון בעט... זי שרעקט זיך... וואָס הערט זיך ביי דיר? כ'האָב געשיקט רשיל'ן דיך רופען — האָסט איהר געזעהען?

פּינחס. רשיל'ן? וואָס איז?

קײלה. זי דערמאָהנט אַלע מינוט דײַן נאָמען... יעדער ווײַלע... זי האָט געבעטען מען זאָל דיר שיקען רופען... (אַ שטילע).

פּינחס. זי וויינט איצט אויך אַלע ווײַלע?

קײלה. זי האָט מורא! זי האָט געבעטען מען זאָל איהר אַרויספיהרען פון קאַמער.

פּינחס. אַודאי; אַודאי איז דאָ בעסער.

קײלה. (טאַפּט דאָס פּעקעלע) וואָס האָסטו דאָ?

פּינחס. כ'האָב געבראַכט... זאָל זי האָבען, וואָס אין מויל צונעהמען... ווײַניקע צוקערקעס... אומזיסט זיך מיאוס געמאַכט... איך בין געגאַנגען אין משמרת חולים... אפשר וועלען זיי געבען וויין... זיי גיבען און ווייסען ניט וועמען צו געבען... כ'בין געשטאַנען, געשטאַנען... ביז וואַנען איך האָב אויסגעבראַקעט און בין אַוועק געגאַנגען...

קײלה. און די מאַמע וואָס זאָגט?

פּינחס. וואָס אַרט מיך וואָס די מאַמע זאָגט, איך פרעג אַ אַ פּנים?

קײלה. ס'איז קיין וואונדער ניט, אַמאַמע מעג זײַן אין כעס... איך ווייס ניט, אויב איך וואָלט בעסער געווען... יעדער מאַמע וויל האָבען נחת פון איהרע קינדער.

פּינחס. (קוקט זיך אַרום) וואו זײַנען די קינדער?

קײַלה. רשיל—האָב איך דיר דאָך געזאָגט—איז אַוועק דיר רופען; און קדישן האָב איך געשיקט קויפען אַפּאָר חלות; איך וואָס דאַרף, גאָר ניט... מײַנע שבתים, יום־טובים... אָבער די קינדער... (שטילע) וואָס וועט זײַן מיט די קינדער? וועה איז מיר! קדיש מײַן אויג פון קאָפּ, וואָס טהו איך מיט איהם... כ'האָב מורא פון מויל אַרויס צו ברענגען... ער כאַפּט אויך אָן צו הוס־טען די לעצטע צײַטען... (אווײלע שטיל).

פינחס. (הערט זיך צו צום אַטהעמען פון דער קראַנקע און צוקט מיט די אַקסלען).

קײַלה. ווי געפינסט דו איהר, פינחס?

צײַטעל. (אַדערשראָקענע) אוי!.. (זי פיהלט אַז פינחס איז דאָ).

קײַלה. (געהט צו נעהענטער) וואָס איז דיר מײַן טאָכטער וואָס דו שרעקסט זיך רק אַזוי?

צײַטעל. (דערזעהט פינחסן) פינחס?! כ'האָב דיר אַזוי געוואָלט זעהען!.. פאַר וואָס ביזטו דו ניט געקומען די גאַנצע צײַט?..

פינחס. אָט בין איך דאָך געקומען; וואָס מאַכסט דו?

צײַטעל. האַ? — ס'איז מיר ערגער... כ'האָב מורא..'

קײַלה. וואָס שרעקסט דו זיך אַזוי?

צײַטעל. מיר דאַכט זיך... מאָדנע זאַכען... אָט טרינק איך זיך... כ'שטעה בײַם ברונעם און פאַל אַרײַן... (קוקט מיט אַ דורכדרינגענדעם קוק אויף פינחס'ן) וואָס זעטצט דו זיך ניט?

פינחס. (זעטצט זיך נעבען איהר) אָט זיטץ איך שוין... זאָג נאָר... ס'איז דיר אַזוי פיעל ערגער געוואָרען?

צײַטעל. (גיט אציטער) גאָרנישט...

קײַלה. אפשר וועסטו פערזוכען אַצוקערקע, מײַן טאָכטער? פינחס האָט געבראַכט.

צײַטעל. (שטאַרקט זיך) ס'איז מיר בעסער... שרעק

זיך ניט מאמע... (שטאַרקער) און דו פּינחס, שרעק זיך אויך ניט... ס׳געהט צו זומער... צײַטענווייַז דאַכט זיך מיר מעהר ניט... אַז איך... גיט מיר אַצוקערקע.

פּ י נ ח ס. (לעגט איהר אַרייַן אַ צוקערקע אין מויל).

צ י י ט ע ל. (מיט קראַפט) פונדעסטוועגען בין איך ניט... אַזוי געפעהרליך... (קוקט צום באלקען) דער כאַלקען, איז אַזוי שוואַרץ... אַגוואַלד ווי שוואַרץ... אַשרעק...

פּ י נ ח ס. (קוקט אויף קייַלהן).

ק י י ל ה. (פערקוקט זיך צום באַלקען, גיט אַקוק אויף צייטלען און צוגט בעהאַלטען מיט די אקסלען צושאָקלענריג מיט׳ן קאָפּ).

צ י י ט ע ל. און ווי זאָגסטו פּינחס, איך וועל געזונד ווע־רען... (הוסט).

ק י י ל ה. רייד ניט מייַן קינד צו הויך... מיר הערען אַזוי אויך, אַז דו רעדסט שטילער...

צ י י ט ע ל. (קוקט אָן קייַלה׳ן) אוי... (פויזע) נעכטען בייַ נאַכט האָט זיך מיר געחלומט דער טאַטע... ער איז מיר געקומען געוואָהר ווער׳ן...

ק י י ל ה. אפשר וועט זיך דער אויבערשטער מרחם זייַן... ער האָט אַודאי געבעטען פון דייַנטוועגען...

צ י י ט ע ל. איך ווייס אַז ער איז געשטאָרבען... כ׳ווייס... איך האָב ניט מורא געהאַט... ניין... נאָר דער נאָך... (קוקט אָן פינחס׳ן) זעטץ זיך, פּינחס, לעבען מיר.

פּ י נ ח ס. איך זיטץ דאָך לעבען דיר.

צ י י ט ע ל. איך... (קוקט אָהן קייהלן) מען דאַרף ניט...

ק י י ל ה. (שטעהט אויף) דו האָסט דאָך ניט מורא, מייַן טאָכטער אַז איך וועל אַ רגע אַרויסגעהן...

צ י י ט ע ל. מיר איז גרינגער אַביסעל... קאָנסט געהן...

ק י י ל ה. (געהט אַרויס)

צייַטעל. דו געהסט אַוועק מאַמע?...

פינחס. זי איז אַרוים... אפשר ווערסטו נעהמען נאָך אַצוקערקע?

צייַטיל. (מיט אַנ'אונגעוועהנליכע קראַפט) וואָס דאַרפסטו אַזוי פיעל לייַדען צוליעב מיר?... (פערהוסט זיך)

פינחס. העֶר אויף אַזוי הויך צו רייַדען... איך הער... (ער טראָגט צו זיין שטוהל נעהענטער צו צייטלע'ן).

צייַטעל. (ערשראָקען) איך האָב זיך פריהער דערשראָקען... דער־רי־בער... דערשראָקען... (קוקט זיך אַרום) דער־שראָקען... כ'האָב זיך אויף געכאַפּט... האָט זיך מיר געדוכט, אַז דו ביזט געשטאָרבען... (פויזע) פינחס!...

פינחס. וואָס שרעקסט דו זיך אַזוי?...

צייַטעל. די מאַמע איז אַוועק... (קוקט זיך אַרום) ס'איז מיר אַ רחמנות אויף די מאַמען, פינחס!...

פינחס. וואָס איז?

צייַטעל. גאָרנישט... כ'האָב געוואָלט... (ציטערענד) כ'וועל ניט רייַדען... אפשר טאָר מען ניט... דו... וואָס ביזטו שולדיג?...

פינחס. דו ווילסט עפּעס זאָגען?...

צייַטעל. דער־לאַנג מיר די שפּיגעל... כ'וויל נאָך אַ מאָל אַקוק טאָהן אויף זיך... כ'וועל זעהן...

פינחס. וואָס שרעקסטו זיך אַזוי, איך זיצץ דאָך נעבען דיר... דו האָסט דאָך אַלייַן געזאָגט, אַז דו פיהלסט זיך בעסער... צו זומער איז נאָהענט... דו ווייסט איך האָב געקראָגען אַרבייַט... כ'האָב דיר פערגעסען צו דער'צעהלען, נאָך יום טוב הייבען מיר אָן צו אַרבייַטען אין פאַבריקע; רשיל און קדיש וועלען אויך האָבען אַרבייַט...

צייַטעל. (גיט אהויב די האנד, די האַנד פאַלט אָהנמעכטיג צוריק) דער מלאך המות... זאָלסט ניט געהן אַהין..

דיִ קינדער וועלען אויך ניִט געהן... ניט געהן... (נאָך אַקליינע
שטילע) פּיִ-יִ-נחס!

פּינחס. וואָס?

ציִיטעל. איך האָב דיר געוואָלט בעטען... (מיט איהר
גאַנצער קראַפט) שעהם זיך ניט פאַר מיר... אויב דו קענסט
ניט... טו זאָג...

פּינחס. (אויפגערעגט) וואָס איז דיר?

ציִיטעל. דו וועסט דאָס טאָהן?

פּינחס. איך וועל אַלץ טאָהן פון דיינטוועגען... מיין
גאַנצען לעבען... (טרעהרען שטיקען איהם.)

ציִיטעל. גענוג... גענוג... מיר וועלען נאָך זיין אין
איינעם... אָט דער זומער קומט... כ'וועל נאָך אַראָבגעהן פון
בעט... כ'וועל נאָך אַראָבגעהן... וויין ניט...

פּינחס. (ציטערט) ניין, איך וויין ניט; אַזוי... וואָס
האָסטו מיר געוואָלט בעטען?—

ציִיטעל. איבערגוואַלד זאָלסטו ניט טאָהן... די מאַמע
איז ניטאָ?... (קוקט אויפן באַלקען). דער באַלקען... איז אַזוי
שוואַרץ... (אַשטילע).

ציִיטעל. האַלט מיר צו פּינחס... איך וויל זיך אָב-
שפּאַרען...

פּינחס. (בויגט זיך צו צו איהר) נעהם מיר אַרום גוט.

ציִיטעל. (נעהמט אַרום פּינחס'ן) אָט אַזוי...

פּינחס. (זעצט איהר אנידער) ס'איז דיר גרינגער? איך
וועל דיך צוהאַלטען.

ציִיטעל. אַז איך וואָלט געקענט אָט אַזוי זיצען...
אַ'ווּאָסער שעה... נאָך אַ פּאָר טאָג... פּינחס.

פּינחס. וואָס איז דיר?

ציִיטעל. (ציטערט) דו וועסט דאָך ניט אַוועקוואַרפען
אונזער שטוב... אַז איך וועל שטאַרבען?...

פּ ִי נ ח ס. הער אויף צוריידען נאַרישקייט, הער אויף... ווערסט נאָך לעבען, ווערסט נאָך געזונד ווערן: דו האָסט מורא מעהר וויפיעל מ׳בעדאַרף...

צ ִי ִי ט ע ל. איך וויל דו זאָלסט ניט אַוועקוואַרפען די שטוב... אונזער שטוב... דו זאָלסט זיי ניט פערלאָזען... רשילה׳ן... זי איז אַטייער קינד... דער טאַבאַק... פּינחס!

פּ ִי נ ח ס. (מיט אַביטע) הער אויף, הער אויף...

צ ִי ִי ט ע ל. רשיל זי... רשיל... לעגט מיר אַנידער...

פּ ִי נ ח ס. (לעגט איהר אַנידער) וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? זאָג... (צייטעל ענטפערט ניט, (אַשווערע שטילע).

צ ִי ִי ט ע ל. (קוקט מיט אַציטערענדעם קוק אין פּינחס געזיכט) נײן, איך פריקאַזעווע דיר דאָס ניט... ווי דו ווילסט... ווי דו ווילסט... פּינחס!

פּ ִי נ ח ס. וואָס איז דיר?

צ ִי ִי ט ע ל. (אָטהעמט שווער) ס׳איז מיר שלעכט!... (קוקט זיך ארום) ס׳שטיקט מיר... זעצט מיך אַנידער, פּינחס!... נײן...

פּ ִי נ ח ס. (בויגט זיך צו צו איהר און זעצט איהר פּאַמעלעך פּאַמעלעך אַנידער).

[דער פאָרהאנג פאלט.]

פיערטער אקט.

די דעקאָראַציע ווי אין די פריהערדיגע אַקטען. כאָנאַט תמוז פער־נאַכט — די זוהן געהט אונטער. איינינגע מינוטען הערשט אַ שטילקייט אויף דער סצענע. קיינעם איז צו זעהען.

ר שׁ י ל. [געהט אַרויס פון צימער, אין צוריסענע קליידער, באָר־פוס בלייבט זי שטעהען אין מיטען צימער און קוקט זיך אַרום, פערלייגט די הענד אויף׳ן ברוסט און אַטהעמט שטאַרק אין זיך. דאָס געזיכט אויסגעמאָרעט. עפענט אויף דעם שופלאָדציק פון קליינעם טישעל, זוכט דאָרטען. קלייבט אויף ברעקלאַך ברויט און וואַרפט אין מויל אַריין. בלייבט ווידער אַוויילע אין מיטען צי־מער. פערלייגט די הענד אויפ׳ן ברוסט און אַטהעמט, פאַנגט אָן צו וויינען מיט אַ דינער דערשלאָגענער שטים]

ק ד י שׁ. (קומט אַריין).

ר שׁ י ל. (קוקט אויף איהם מיט אַ שאַרפען בליק) נו?..

ק ד י שׁ. (פערצווייפעלט) גאָר נישט; ניט געזעהען...

ר שׁ י ל. און די מאמען האָסט דו געזעהען?

ק ד י שׁ. איך האָב איהר ניט געזעהען און כ׳האָב איהר ניט געזוכט (פויזע).

ר שׁ י ל. אפשר וועלען מיר פערקויפען עפעס פון שטוב?..

ק ד י שׁ. (וואַרפט אַבליק אַרום) וואָס וועלען מיר פע קייפען?

ר שׁ י ל. (קלעהרט אַרגע) מיר האָבען שוין אַלץ פערקויפט...

(אַקליינע שטילע).

ק ד י שׁ. איך וועל פרובען נאָך אַמאָל; איך קען ניט... אַז איך געה צו צו די קאַשיקעס, קאָרטשעט זיך מיר אונטער די פיס...

ר שׁ י ל. מען וועט דיר נאָך כאַפען...

ק ד י שׁ. מען וועט מיר כאַפען... (פערקלעהר זיך טיעף).

ר שׂ י ל. איך בין זעהר בלאַס?
ק ד י ש. בלאַס...
ר שׂ י ל. און דער צונג איז ביי מיר ווייס? (ווייזט איהם די צונג).
ק ד י ש. ווייס...
ר שׂ י ל. מיין צורה איז זעהר דאַר?
ק ד י ש. דאַר... (קלאַפּט מיט'ן פינגער אויף איהרע באַקען דאָ איז הוילע ביינער... צו וואָס פרעגסט דו דאָס עפּעס?..
ר שׂ י ל. (שווייגט)
ק ד י ש. געהן נאָך אַמאָל?
ר שׂ י ל. וואַרט אפשר וועט קומען די מאַמע... זי וועט עפּעס ברייינגען, וואָס צום עסען.
ק ד י ש. דו ווייסט -- וואוהין זי איז אַוועק?
ר שׂ י ל. ניין.
ק ד י ש. (לייגט זיך מיט'ן געזיכט ארויף אויף דר'ערד) צו-נייף מאַכען עפּעס?..
ר שׂ י ל. (שטעהט נעבען קדיש'ן) אפשר?..
ק ד י ש. וואָס שטעהסטו אַזוי?
ר שׂ י ל. איך פּיהל דאָ... (ווייזט אויפ'ן ברוסט)... אַ גרוי-סען וועהטאָג...
ק ד י ש. (זעטצט איהר אין ברוסט)
ר שׂ י ל. יע, אין ברוסט... א וועהטאָג...
ק ד י ש. אַ שטעכעניס?
ר שׂ י ל. ניין, אַ וועהטאָג.
ק ד י ש. און אין זייט?
ר שׂ י ל. (פּרובענדיג זיך אַליין) אין זייט? (טאַפּט די זייט) כ'ווייס ניט... (אַ שטילע)
ר שׂ י ל. פּרוב נאָר, קדיש, מיר אויסהערען, לייג צו דעם אויער, אפשר וועסטו דערקענען עפּעס וואָס...

קדיש. וואָס פערשטעה איך?

רשיל. אַדרבאָ פּרוב...

קדיש. כ'האָב קיין כח ניט אויפצושטעהן, זעטץ זיך אויף דר'ערד.

רשיל. (זעטצט זיך אויף דר'ערד) נו? (לייגט צו דעם אויער צו איהר ברוסט).

קדיש. (הערט) אַזוי קען מען ניט, מען דאַרף אָפּשפּילעווען דעם יאַקעל.

רשיל. (שפּילעוועט אָב דעם יאַקעל) נו, איצטער הער!

קדיש. (ער לייגט צו דעם אויער און הערט).

רשיל. נו וואָס?

קדיש. ציה אין זיך דעם אָטהעם, גוט ציה!

רשיל. איך קען ניט, עס טהוט וועה...

קדיש. טהוט וועה? אין וואָסער אָרט?

רשיל. (ווייזט מיט'ן פינגער אויף איהר ברוסט) דאָ. (אַ ווײַלע שטיל).

קדיש. אפשר דערפאַר ווייל דו האָסט אַ גאַנצען טאָג ניט געגעסען טהוט דיר וועה, האַ?

רשיל. דאָס איז אַן אַנדער זאַך... דאָס איז הונגעריג; אָבער דאָס טהוט וועה אַזוי ווי דאָרטען וואָלט געווען אַ וואונד...
(גיט אַ פיהר מיט'ן האַנד איבערן ברוסט)

קדיש. (אויפגערעגט) לאָז, איך וועל אויסהערען נאָך אַמאָל...

רשיל. (בויגט צו איהר ברוסט צו זיין אויער).

קדיש. (הערט) קיין זאַך הערט זיך ניט... אַ דאָקטאָר פערשטעהט... (קוקט אויף איהרע באָרפעסע פיס) דיינע פיס זיינען אַזוי שוואַרץ...

רשיל. (ווי זיך אויפכאַפּענד) וואָס?..

קדיש. (קלערט אַ רגע) זאָרג ניט; ס'איז גאָר נישט, פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָ איז דאָ אַ געפאַהר? —

רשיִל. די הארץ... דו ווייסט וואָס דאָס איז „די האַרץ"? און צייטעל איז פון וואָס געשטאָרבען?

קדיִש. (פערטיעפט זיך) צייטעל... צייטעל האָט געשפּי־גען מיט בלוט, מיט בלוט האָט זי דאָך געשפּיגען... איך וועל געהן נאָך אַ מאָל (הויבט זיך ענערגיש אויף).

רשיִל. געה ניט... איך האָב מוראָ אַליין אין שטוב צו בלייבען...

קדיִש. פאַר ווּעמען האָסטו מוראָ? פאַר ווּעמען?..

רשיִל. כ'האָב מוראָ..

קדיִש. און איך האָב קיין מוראָ ניט.

רשיל. דו ביזט אַ געזונטע־... אַ געזונטער מענש האָט קיין מוראָ ניט... (צוקט דאָס געזיכט) אוי...

קדיִש. וואָס איז דיר?

רשיִל. אַ שטאָך אין זייט האָט דערלאַנגט...

קדיִש. אין וועלכען זייט?

רשיִל. (ווייזט אָן אויפ'ן לינקען זייט) דאָ... אַ מאָדנעם שטאַרקען שטאָך — (אַ קליינע שטילע).

קדיִש. פרוב הוסטען, מאַך אַזוי: כחי! כחי! ווּעלען מיר זעהען די לייחעס?

רשיִל. כ'האָב מוראָ.

קדיִש. וואָס האָסטו מוראָ?

רשיִל. כ'האָב מוראָ, טאָמער וועט זיין בלוט... (אַ שטילע. קדיש'ן ערגערט אַביסל דערהערענדיג דאָס וואָרט „בלוט").

קדיִש. פון וואַנען קלערסטו אַז ס'וועט זיין?

רשיִל. (ציטערט) אַזוי כ'האָב מוראָ... (אַ שטילע).

קדיִש. (פּרובט זיך אויפהייבען פון אָרט) איך וועל געהן! כ'וועל עפּעס קריגען... כ'וועל קריגען! (אויפגערעגט) צו וואָס זאָלען מיר ליידען הונגער? ליידען הונגער? ליידען הונגער! מען דאַרף ניט!

ר ש י ל. (האַלט איהם אָב) זײַ דאָ, קדיש זיץ דאָ. באַלד וועט ווערען פינסטער, און איך האָב מורא צו בלײַבען אַליין.

ק ד י ש. (שטעהט אויף) קום אויך מיט מיר...

ר ש י ל. כ׳האָב קיין כח ניט; כ׳וויל דאָ בלײַבען, דאָ אין שטיב.

ק ד י ש. כ׳וועל אַרויס געהן אויף׳ן הויף; כ׳וועל בעטען בײַם בעל-הבית אַ שטיקעל ברויט, איך וועל זאָגען...

ר ש י ל. צום בעל-הבית זאָלסטו ניט געהן... ער וועט זיך דערוויסען אַז מיר האָבען ניט מיט וואָס צו צאָהלען דירה-געלד...

ק ד י ש. (זעצט זיך ווידער אויף דר׳ערד).

ר ש י ל. (פּרובט אויפשטעהן) וואָס זיצען מיר דאָ אויף דר׳ערד?

ק ד י ש. וואָס מאַכט דיר אויס. (אויף דער סצענע ווערט פינסטערער.

ר ש י ל. (בלײַבט אין איהר פריהערדיגע פּאָזע) ווי אַזוי, קדיש, זײַנען מיר געוואָרען כמעט אַ מאָל אַזוינע גרויסע אָרעמע לײַט?..

ק ד י ש. וואו קען דאָס זײַן די מאַמע?

ר ש י ל. (נאָך אַ קליינע שטילע) וויפיעל טעג קען מען לעבען ניט געגעסענער-הייד?

ק ד י ש. וויפיעל... און מיט וואַסער אַליין קען מען לעבען?

ר ש י ל. כ׳האָב אַ סך מאָל געטרונקען — און ס׳איז גאָרנישט...

ק ד י ש. און מיט טהע?

ר ש י ל. דאָס איז דאָך אויך וואַסער.

ק ד י ש. אַ וואָך קען מען אַודאַי אָבלעבען...

ר ש י ל. אַ וואָך איז אַ פולע.

ק ד י ש. איך קל׳עהר אַז מען...

ר ש י ל. אַך ווי צייטלען האָט זיך דאָס ניט געלוסט שטאַרבען, אוי האָט זי ניט געוואָלט... (קל׳עהרט אַ רגע) און אַז מען וויל ניט... (קדיש און רשיל פערקלעהרען זיך).

ר ש י ל. אוי!..

ק ד י ש. וואָס איז דיר? עס האָט דיר ווידער דערלאַנגט אַ שטאָך?

ר ש י ל. נאָך אַ מאָל אַ שטאָך...

ק ד י ש. שפּאַר זיך אָב מיט'ן קאָפּ אויף מײַנע קניִע.

ר ש י ל. (לעהנט אָב איהר קאָפּ אויף זיינע קניע) אַז מיר וואָלטען געווען גבירים. ניט קיין גרויסע גבירים אַפילו, קאָן זײַן, אַז דער טאַטע וואָלט געלעבט, און צייטעל אויך...

ק ד י ש. גבירים שטאַרבען ניט, וואָס?

ר ש י ל. דו האָסט דאָך געזעהען אַז ס'איז ניט געווען מיט וואָס צייטלען די נשמה צו דערהאַלטען... אָהן כחות געבליבען, אויסגעגאַנגען...

ק ד י ש. דער קאָפּ טהוט מיר וועה; אָט דאָ (ווײַזט אויפ'ן שלייף) נאָך אַ ווײַלע וועט ווערען פינסטער... דו וואָלסט מיר אָבער פאָלגען, וואָלטען מיר איצט ניט געזעסען קיין הונגעריגע, פאַר וואָס איז דאָ וואָס מוראָ צו האָבען, פרעגט זיך?..

ר ש י ל. כ'האָב מוראָ... דו ווייסט ניט וואָס בײַ מיר אין האַרצען טהוט זיך... דאָס איז ניט אָט אַזוי גרינג...

ק ד י ש. לאָמיר זאָגען די מאַמען.

ר ש י ל. לאָמיר נאָך אָבוואַרטען.

ק ד י ש. און וואָס וועט זײַן פון דעם?

ר ש י ל. מען דאַרף איהר ניט דערצעהלען...

ק ד י ש. מאָרגען וועלען מיר געהן צום דאָקטאָר — אָהן די מאַמעס וויסען, וועלען מיר געהן... וועסט געהן?..

ר ש י ל. וואו?

ק ד י ש. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, פרעגען זיך בײַם דאָקטאָר וועלען מיר געהן.

ר ש י ל. אַ באָרפּעסע וועל איך געהן?

ק ד י ש. אַ באָרפּעסע!.. וועט ער ניט בעטען קיין געלד.

ק י י ל ה. (קומט אַריין, טראָגט פערבויגען דעם פאַרטאַך אין האַנד).

ק ד י ש און ר ש י ל. (ערוואַכען).

קיִילה. וואָס זיִצט איהר אויף דר'עֶרד, וואָס? שטעֶהט אויף (ביידע שטעֶהען פויל אויף).

קדיִש. מיִר זיַינען זיִך געֶזעֶסעֶן, אַזוי זיִך.

קיִילה. איהר האָט נאָך הײַנט גאָר ניִט געֶגעֶסעֶן, ווערה איז מיר! (נעהמט אַרוים פון פאַרטאַך בײַגעֶל).

קדיִש. בײַגעֶל.

קיִילה. (לעֶגט אַיועק דיִ בײַגעֶל אויפ'ן טיִש) עֶסט, קיִנדעֶר, (פאַר זיך) אַז דעֶר אויבעֶרסטעֶר האָט מיִר מײַן האַרץ צוריסעֶן אויף שטיִקעֶר, אוֹדאַי ווײסט עֶר וואָס עֶר טהוט...

קדיִש. און רשיִל. (עֶסעֶן, דיִ געֶזיִכטעֶר לײַכטעֶן בײַ זײַ).

רשיִל. און דו מאַמעֶ, האָסט עֶפּעֶס געֶגעֶסעֶן?

קיִילה. פאַר מיִר זאָלט איהר ניט זאָרגעֶן... אַייעֶר מאַמעֶ האָט שין לאַנג... איך ווערל גערהן אַרײַנברײַנגעֶן טהעֶ... אַודאַי איִז דאָך דאָ אַ יושר אויף דעֶר וועֶלט. (געֶהט אַרוים).

רשיל. (קײַט) זיִ ווי ס'ווײַזט אוים האָט נאָך איִן מויל ניִט געֶהאַט. דוּ האָסט געֶזעֶהעֶן ווי פעֶרשמאַכט זי איִז?

קדיִש. דוּ זאָלסט איהר ניט דעֶרצעֶהלעֶן אַז איך האָב געֶוואָלט געֶהן איִן מאַרק עֶפּעֶס קויפעֶן צו עֶסעֶן. זי וועֶט זיך אָבעֶסעֶן די האַרץ.

רשיל. צו וואָס בעֶדאַרף איך איהר דעֶרצעֶהלעֶן (שטעֶהעֶן בײַדעֶ אֵיינעֶ עֶנטקעֶגעֶן די אַנדעֶרעֶ איִן מיט'ן קאַמעֶר און קײַעֶן.

קדיִש. דו זעֶהסט, אַז דיִ מאַמעֶ האט שוין גאָר אויפגעֶהעֶרט ווײַנעֶן; זיִ ווײַנט שוין ניִט לאַנג...

רשיל. זי האָט שוין קײן כח ניט...

קדיש. (מיט אַ שמייכעֶל) אַ ביסעֶן וואָס איִז דאָס? אַנאָרנישט דאָך, פון דעֶסטוועֶגעֶן... זעה... אָט האַט שוין דעֶר קאָפּ אויפגעֶהעֶרט.

רשיל. (ווערט פלוצלונג ווי צושראָקעֶן, פונקט וויִ זי הערט זיך צו צו זיך זעֶלבסט, די אויגעֶן געֶזונקעֶן צו דר'עֶרד) קדיש'ל!

אַ, ס'איז מיר שלעכט . . . דער ביסען איז מיר געבליבען דאָ שטעהן . . . (ווייזט אויף איהר ברוסט) דאָ קוועטשט ער!
קדיש. אַביסעלע וואַסער. . . (דערלאַנגט איהר וואַסער).
רשיל. דאָ איז געבליעבען דער ביסען . . , (טרינקט) אוי... גענוג.
קדיש, ס'איז אַראָב?
רשיל. אַביסעלע גרינגער געוואָרען . . . (וועצט זיך צו ביים טיש, לעגט אַוועק דעם בייגעל, און פערבאָרגט דעם געזיכט אין די הענד.
קיילה, (קומט האַסטיג אריין) די קאָפּ דרעהט זיך מיר... איך בין געגאַנגען נאָך טעה . . . האָב איך ניט דעם טשייניק . . . (נעהמט די קענדל וואַרפט אַ בליק אויף רשיל'ן, אַ דערשראָקענע) וואָס איז דיר, לעבען מיינע, וועה איז מיר . . . (מרעט צו צו רשיל).
רשיל, גאָר נישט. . . אַ ביסען בייגעל איז מיר געבליבען שטעהן, און ער קוועטשט אַביסעל. . .
קיילה. נעהם אַ קאַפּ וואַסער, וועט ער אֶפשר אַראָב געהן.
קדיש. זי האָט שוין געטרונקען.
קיילה. טרינק נאָך אַביסעל וואַסער; באַלד ברענג איך טיי. . . (צו זיך) שטראָף מיך ניט, רבש"ע, חאָץ דעם מאָל . . . דו האָסט צוגענומען ביי מיר, די ליכט פון מיינע אויגען. . . מיין טרויסט האָסטו צוגענומען. . . מיין הארץ . . . אוי מיין הארץ . . . גענוג, גענוג גאָטינקע זאָל חאָץ . . . (צו רשילן) נו וואָס? גרינגער געוואָרען?
רשיל. ניט גרינגער. . . אַביסעל.
קדיש. זי האָט פריהער זיך געקלאָגט, אַז . . . אין האַר־צען טהוט איהר וועה אַביסעל.
קיילה, (טוידט בלאַס) רשיל, זאָג רשיל וואָס איז דיר?
רשיל. שוין גאָרנישט, עסען האָט זיך מיר נאָר גע־וואָלט...

קדיש. זי האָט אַליין געזאָגט...

קיילה. פון וועמען בעהאַלסטו, פון וועמען?

רשיל. ס'איז נאָר פון הונגער קלער איך.

קיילה. נו וואָס... גרינגער געוואָרען?

רשיל. גרינגער געוואָרען... אַביסעל גרינגער.

קיילה. דו ווילסט גאָר ניט עסען?...

רשיל. (מיט אַשוואַכער שטים) ניין.

קיילה. וואָס זאָל איך אייך ברענגען, האַ? זאָגט וואָס זאָל איך אייך ברענגען פון גאַס, וואָס?... טהעע...

רשיל. (מיט א שוואַכע שטימע) וואָס קאָנסטו ברענגען?

(אויפן פּצענגע ווערט אלין פינסטערער און פינסטערער).

קיילה. וואָס רעדסטו מיט אַזאַ שוואַכען קול?... ס'איז דיר שלעכט?... ס'איז דיר שווער צו ריידען, וואָס?... לייקען ניט...

רשיל. ניין, ניין...

קיילה. וועמען זאָלסטו דערצעהלען, אַז ניט מיר... וואָס איז מיין לעבען אָהן אייך? וואָס?... וועמען האָב איך און וואָס האָב איך?... ווער איז מיר איבערגעבליבען? מיינע אויגען זיינען מיר אויסגעטריקענט געוואָרען, וויינען קען איך שוין ניט... וואָס זאָל איך וויי-ען... וואָס? וואָס קאָן איך העלפען. אַז איך וויל וויינען אויף מיין אונגליק...

קדיש. הער אויף, מאַמע...

קיילה. (ניט הערענדיג איהם) אויף איין אונגליק קאָן מען וויינען, אָבער גאָט האָט אַראָבגעשיקט אַפייער און האָט מיר אין גאַנצען פאַרברענט... אַ—אַ——

כ'וועל געהן און ברייננען טהעע, צינדט עפּעס אָן אַשטיקעל ליכט וואָס? (זי געהט אַרויס, אַשטילע).

רשיל. קדיש!

קדיש. וואָס איז דיר?

רשיל. וואָס האָסטו בעדאַרפט זאָגען די מאַמען, אַז עס טהוט מיר וועה אין האַרצען?

קדיש. מען האָט בעדאַרפט זאָגען...

רשיל. אָבער ניט איצט (אַשטילע).

קדיש. און פאַר וואָס עס איך—און ס'איז—גאָרנישט?...

רשיל. אוי!...

קדיש. נאָך אַמאָל אַ שטאָך?

רשיל. (קאָרטשעט זיך) אוי, אוי, ס'איז מיר שלעכט... אָט דער ביסען... ער הויבט זיך אויף... אָט, אָט... אַ... אַ...

קדיש. נאָך אַזוּפּ וואַסער (געהט איהר ברייגגען וואַסער די מאַמע האָט צוגענומען די קענדעל, גיב אַזוּפּ פון עמער! נו וואָס, רשיל?

רשיל. (געהט איבערן צימער) שלעכט איז מיר... שלעכט... רוף די מאַמען... קדיש, רוף!...

קדיש. דו וועסט ניט מורא האָבען אַליין צו בלייבען אין שטוב.

רשיל. (קעהרט זיך אום אויף איהר פריהערדיגען אָרט) כ'האָב מורא כ'וועל ניט בלייבען.

קדיש. נו זאָל איך געהן?

רשיל. (קרעכצט, ציטערט).

קדיש. (איילט צו איהר) וואָס איז דיר, רשיל? זאָג!...

רשיל. מאַ-מע... רוף די מאַמען!

קדיש. דו לאָזט דאָך ניט אַרויסגעהן... כ'וועל רופען פון דאַנען (מאַכט אַשריט צום טהיר).

רשיל. לאָז מיר ניט אַליין...

קדיש. ניין, פון דאַנען וועל איך רופען (קריכט אַרויף

איפן פענסטער) פון דאַנען וועל איך רופען! (שרייט הויך דורכ'ן פענסטער) מאַמיע־מאַ־אַמע, מאַ־אַ־אַמע!.. ,

(אויפן סצענע ווערט אלץ פינסטערער און פינסטעדער)

(פאָרהאַנג פאַלט).

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

עס דרוקט זיך:

ק. מארקס און **פר. ענגעלס**. דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

ד. פינסקי. אין משוגעים=הויז (כאָאָג).

ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען.

מ. טערמאן. רעליגיאָן און קלאַסען=געגענזאַטצע.

א. טהון. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוססלאַנד

נעמאינסקי. די פאַריזער קאָמונע פון 1871 יאָהר.

א. בעבעל. די פרוי און דער סאָציאַליזמוס.

פרץ הירשביין. ווייטע און נאָהענטע. בילדער אין פיער אַקטען.

נ. ריאזאנאוו. דער 19 פעברואַר.

האפמאן. די פראָסטיטוציע און דאָס פרויען-האַנדעל.

* * די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין ענגלאַנד.

א. הא. די סאָציאַליסטישע פראַקציאָן אין דעם ציוניזמוס.

בעמערקונג: ד', וואָס שרייבען אוים מער ווי אויף 2 רובל, צאָהלען ניט פאַר'ן איבערשיקען.

די אַדרעססע:

Вильна, книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ“

פֿערלאַג „די וועלט“

עס זיינען אַרויס פֿון דרוק :

	קאָפּ.	סענט.	שיל.	פּפעניג.	סאַנטים.
ד. פינסקי. היינטיגע יונגע לייט (כאָנאָלאָג).	1	1	1/2	4	5
ד. פינסקי. ערב יום כפור } פרייז - - ה. ד. נאָמבערג. מען וועקט }	2	2	1	8	10
ד. פינסקי. די פֿאַמיליע צבי - - -	12	12	6	48	60
מ. דיקשטיין. פֿון וואָס איינער לעבט.	5	5	2 1/2	20	25
מ. שיפּפּעל. די עקאָנאָמישע איבערקע-רעכנונגען און די ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע - - - - -	5	5	2 1/2	20	25
לעווין. אין אַ פֿינסטערע נאַכט (ערצעה-לונג - - - - - - - - -	2	2	1	8	10
פ. יושקעוויטש. וועגען וואַהלרעכט - -	7	7	3 1/2	28	35
* * דער קליינבירגערליכער כאָציאַ-ליזמוס אויפֿ'ן יודישען באָדען - -	4	4	2	16	20
* * ערצעהלונגען אוים דער געשיכ-טע פֿון דער ערשטער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע - - - - - - -	6	6	3	24	30
ק. קאַוטסקי. דאָס ערפֿורטער פּראָגראַם אויך אין 6 העפֿטען, יעדעס העפֿט 5 ק. (מיט פּאָרטאָ 40 ק.)	30	30	15	120	150
בעללאַמי. אין הונדערט יאָהר אַרום - - (מיט פּאָרטאָ 33 ק.)	25	25	12 1/2	100	125
פ. לאַססאַל. רעכט און מאַכט (דער עיקר פֿון אַ קאָנסטיטוציע) - - - - -	6	6	3	24	30
פ. לאַססאַל. די אַרבייטער און די געזעל-שאַפֿטליכע קלאַסען (דאָס אַרבייטער פּראָגראַם) - - - - - - -	8	8	4	32	32
פּאָל עזי. צדקה (ערצעהלונג) - - - -	2	2	1	8	10
ק. קאַוטסקי. קאָנסום פֿעראיינען - - -	6	6	3	24	30
פֿרידריך ענגעלס (לעבענס בעשרייבונג) - - - - - - -	10	10	5	40	50
ק. קאַוטסקי. די סאָציאַלע רעפֿאָרמען און די כאָציאַלע רעוואָלוציאָן - - -	15	15	7 1/2	60	75
* * צו דער געשיכטע פֿון דער בעלגישער אַרבייטער-בעוועגונג -	10	10	5	40	50
פּאַול לאַפאַרג. רעליגיאָן פֿון קאַפּיטאַל -	"	"	"	"	"
" " פערזענליכע עראינערונגען.	—	—	—	—	—
אַרנו. די קרבנות פֿון דער קאָמונה - -	3	3	1 1/2	12	15
" " אַ מעשה פֿון פֿיער ברידער -	10	10	5	40	50